STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07946

LIDER

Nochum Yerusalemchick

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער

פון

נחום י.

PUBLIC LIBRARY
FALL RIVER, MASS.

ארויסגעגעבן פון מחבר
מיט דער הילף פון
י. ל. פרץ שרייבער פאראיין

ניו יאָרק, 1924

9245

135079

Yud
Songs

Copyright 1924
by
N. Yerusalemchick

Y-784.4
Y94

(1918—1923)

עוד

PUBLIC LIBRARY
FALL RIVER, MASS.

ערד

ערד !
אומשולדיק און פול מיט תאוה
ליגסט דו אויסגעשפרייט צום הימל,
גארנדיק נאָך עפּעס ;
דיינע קרעפטן ברויזן
און דיין תאוה שפּילט
אין די הייסע בליקן פון דער זון.

ערד !
איך קאָן דיין שיינקייט ניט באזינגען...
קאָן אַ שטארבנדיקער
באַ זיין היים-געליבטער אויפן שווים
ריידן פון איר שיינקייט ?
קאָן אַ מענטש וואָס טרינקט זיך
זינגען לידער צו דעם ים ?...

ערד !
גליקלאך איז מיין גורל

וואָס איך ווער אַ טייל פון דיר !
און ווען איך — אַ שטויב —
וועל געטראָגן זיין פון ווינט,
וועל איך אפשר זיך דערמאָנען
אָן מיין איצטערדיקן צער . . .

אַ לאַנדשאַפט מיט אַ בוים

ווי אַן אָפן און פאַרוואונדעט האַרץ,
זעען אויס די עטלאַכע
רויטע, טונקל-רויטע צווייגן
אין דעם מיטן פונם גרינעם בוים;

די פאַרגייענדיקע זון
שיינט אויף אים
און ער בעט זיך: קוש מיך אָן!
זע מיין האַרץ, מיין שיינקייט, —
באַלד וועל איך דאָך שטאַרבן! . . .

אַ לאַנדשאַפֿט מיט אַ הירש

שטיל אין גאַס;
בערג מיט וואַלד באַוואַקסענע אַנטקעגן.

אונטן, אינם טאָל,
רוט דאָס טײַכל אויפֿן זון.

היים.

שטיל, מיט װיגנדיקע, װײכע טריט,
גייט אַ שלאַנקער הירש
פֿון דעם שווײַגנדיקן וואַלד אַרויס;
טרינקט זיך אָן —
און פֿאַרשווינדט, אַ פֿרייער, אין די בערג.

אַ לאַנדשאַפט מיט געאָרגינעס.

א שטיבעלע אין מיטן וואַלד;
אַן אַלטע פּאָר;
פאַרנאַכט.

ביידע קוקן זיי פון בריטן גאַניק
אויף דעם שלאָפנדיקן וואַסער,
צעפּוסנס.

ווייט, אהינטער וואַלד
האָט זיך שוין די זון געזעצט,
און באַגילדטע, שיינען נאָך די שפּיצן ביימער.

שטיל. די געלע געאָרגינעס פאַרן הויז
זינגען זייער שטומען ליד,
נידעריקער צו דער ערד
בויגנדיק דעם קאָפּ.

א לאַנדשאַפט מיט אַ פויגל

שטיקער פייער
זיינען אויפן הימל נאָך פארבליבן
פון פארגייענדיקער זון.

בלויער ווערט די בלויקייט
פון די בלויע בערג,
וועלכע שטייען ווי פארשלאָסענע אין זיך.

ווי די קווייטן אויף געפרעסטן סאמעט
זעען אוים די שאָטנס פון די בוימער,
אויף דעם טונקל-גרינעם,
רואיק-דרימלענדיקן וואסער.

ששש . . . אַ פויגל, אַ פארשפעטיקטער,
איילט אין נעסט אריין.
און דער נידעריקער, דיקער
און פלאַכצווייגנדיקער בוים
הערט זיך צו צו עפעס —
און גאַפט . . .

אַ לאַנדשאַפט מיט דער לבנה

די ברוינע שוואַרצקייט פון די שפיצן בוימער
שניידט זיך איין
אין דער גרויער בלויליכקייט פון ריינעם הימל.
די לבנה, ווי אַ קעז אַ ווייסער,
(ווי אין מדרש ערגעץ ווערט דערמאָנט),
שיינט אַראָפּ אין וואַסער.
שטיל אַרום.
שטיל. קיין ווינטל פאַלט ניט צו . . . .
רוה!

שפּילט אַ הייסער אומעט מיט די זאַנגען,
זאָגט זיי עפּעס צו;
אין אַ נעץ פון פייער איז דער וואַלד געפאַנגען, —
אָוונטיקע רו.

אין די גראָזן זינגען גרילן־פּלייטן,
פלאַמיק גליט דער מאָן;
לאַנגע שאָטנס לויפן נאָך — דעם טאָג באַגלייטן,
יאָגן אים ניט אָן.

פון דער זון די גליענדיקע שפּרייזן
פלאַמען אויפן וועג;
איינגעקלאַמערט ווי אין ברענענדיקן אייזן
גייט דער טאָג אַוועק.

דער בית עולם

שטייען אַלטעביימער שווייגנדיק
און מצבות ציילן גלייך;
אונטער באַרג, וואו ערגעץ איילנדיק,
לויפט אין ווייטעניש דער טייך.

און פון אויבן, אַ פאַרצאָרנטער,
קוקט דער הימל גרוי און קאַלט.
און אַ מחנה קראָען, שרייענדיק,
דרייט זיך אום ביים ברעג פון וואַלד.

אויף אַן אַלטן שלאַכטפעלד

בערג און בערג און גרויע שטיינער,
און עס קומט ניט, קומט ניט קיינער...—
וואַלגערן זיך מענטשן-ביינער
אונטער זון און אונטער רעגן,
ווייסע פלעקן, טויטע פלעקן —
וויל קיין גראָז זיי ניט באַדעקן.
וואו אַ פוס האָט ווען געטראָטן
זיינען שפּורן שוין פאַרשאָטן.
קיינער וועט שוין מער ניט קומען —
צים זיך צייט און ווערט צעשוואומען ..

דריי פייגל

זיצן דריי פארקלערטע פייגל
אויף א הויכן בוים אין פעלד,
זיצן דריי פארקלערטע פייגל
און באטראכטן שטיל די וועלט.

וויגט א ווינטעלע די זאנגען,
פאלט א בלעטל וואו אראפ
און פארטיפט אין די געדאנקען
בייגט א בלימל איין דעם קאפ.

צינדט זיך אן א ווייסער שטערן
אין דעם סאמעטענעם רוים.
זיצן פייגל דריי און קלערן
אויף א הויכן אלטן בוים.

זומער אָוונט; גרין און שטיל;
אין די גראָזן פּייפט אַ גריל;
און דער אַלטער וואַלד פאַרקלערט,
פון דערוווייטנס שטייט און הערט.

לעבן טייכל אויף אַ שטיין
זיצן זשאַבעס צוויי אַליין;
פיינע דיקע זשאַבעס צוויי,
און זיי ריידן זיך אַזוי:

— קוואַ-קוואַ-קוואַ, עס ווערט שוין קאַלט,
אָט איז שוין אויס זומער באַלד!
— יע, אויס זומער! קוואַ-קוואַ-קוואַ,
ס'איז אַ מאָדנע וועלט אַזאַ!...

. . . . .

און אַרום איז פריש און קיל,
סוד'ן זיך די ביימער שטיל...
און די שאָטנס קרום און גלייך
פאַלן אויפ'ן גלאַטן טייך.

שטראַלן-בלימעלאַך

געלע, געלע בלימעלאַך מיט אומעטיקע אויגן,
איר האָט דעם שיין פון זומער-טאָג אין זיך אַריינגעזויגן.
עס האָט צו אייך די קלאָרע זון געשמייכלט ליכטיק, העל —
און ווי די הייסע זון פאַרבליבן זייט איר גאָלדיק-געל.
עס האָבן איבער אייך געשוועבט די שאָטנס פון דער נאַכט,
דעריבער קוקט איר אויף די פעלדער אומעטיק, פאַרטראַכט.
דעריבער האָט איר שטילע אויגן, סאַמעט טונקל-ברוין,
וואָס קוקן אומעטיק אַרויס פון אייער שטראַלן קרוין.
געלע שטראַלן-בלימעלאַך מיט אומעטיקע אויגן —
איר האָט דעם סוד פון טאָג און נאַכט אין זיך אַריינגעזויגן...

א

בערג!
שטורעמס!
אייביקע! פארגליווערטע!
ריזן-בערג!
לידער פון דעם שעפער,
קינדער פון ברויזנדיקן גייסט.

רואיק, מיט א שמייכל, ווי די אלטע לייט,
קוקט איר אויף דער שפע
פון די בליענדיקע פעלדער.

נעפלען רינגלען אייך ארום,
ווי דער אומעט
אויפן שטערן פון אן אלטן מאן.

שיינט אויף אייך די זון —
זייט איר ליכטיק,
ווי דער חלום פון א שמייכלענדיקן קינד.

ב

ווי די מוילוואורפן
גראָבן זיך אין אייער האַרץ די מענטשן,
ריזן-בערג,
זוכנדיק דעם סוד פון אָנהייב,
וואָס איר טראָגט אין זיך.

זיי צעגראָבן אייך
מיט דאָס פלייש פון אייער לייב,
זיי צעלעכערן אייך מיט דער קראַפט,
וואָס האָט דרימלענדיק אין אייך גערוט...
ריזן-בערג!

ג

ריינע טרערן-קוואַלן
פאַלן, רוישיקע, פון אייך אַראָפּ,
קאַלטע —
ווי דאָס בלוט פון אייער האַרץ;
בלויז די אָדלערס גרייכן אייער שפּיץ,
קוקנדיק פאַרבענקטע צו דער זון;
און מיט חוזק כאַפּט איר אויף דעם קלאַנג
וואָס דערגרייכט צו אייך פון טאָל,
און פאַרקייקלט אים אין כף-הקל. . .

שטייט א בוים אין פעלד.

שטייט א בוים אין פעלד
די בלעטער — פלאמיג רויט, —
אוי, ווי שיין דער יונגער בוים איז
פאר׳ן טויט.

נאָך א ווינט און נאָך א פרעסטל
צו דער נאכט, —
און פארשווינדן, באלד פארשווינדן
וועט זיין פראכט.

נאָך דערווייל — די בלעטער גליען
פלאמיג רויט, —
אוי, ווי שיין דער יונגער בוים איז
פאר׳ן טויט! . . .

פראַגמענט

עס ווערן לענדער חרוב און עס ווערן שטעט פּאַרוויסט,
בלויז שטעכעדיקע פלאַנצן וואַקסן אויס אויף זייער מיסט ;
און דאָרטן צווישן ברוך פון ציגל און פון אַלטן ליים
געפינען פאַר זיך עקדישן און פלעדער-מייז אַ היים,
און צווישן שטיינער שלייכט נאָר דורך אַ הונגעריקע שלאַנג.
און וויסט איז דאָרט, עס הערט זיך ניט קיין לעבעדיקער קלאַנג ;
בלויז ווינטן יאָגן, ראַנגלען זיך און וויינען אין דער נאַכט,
און אויף אַן אַלטן אָבעליסק אַ סאָווע זיצט און לאַכט...

ליכטיקע לידער

א

שפּרייטן זיך די וועגן,
שפּרייטן זיך די ברייטע,
רופן מיך און ציען —
וואַנדערן און גיין;
פעלדער נאָכן רעגן,
אונטערגעגאַנגען רויטע
אויפן הימל בליען
וואונדערלאַך און שיין.

אַלטע, ליבע בילדער!
זומערדיקע טענער!
שנייאיק-ווייסע טויבן
באָדן זיך אין שיין...
ווערט דער ווייטיק מילדער,
און דער צער ווערט קלענער, —
ווידער ווילט זיך גלויבן
און צופרידן זיין.

ב

זאנגען אַנגעגאָסענע,
לאַנען ליכטיק ברייט, —
קום ארויס, פאַרשלאָסענע,
שטראַל ארויס, מיין פרייד!

ריים זיך אויס, אַ מעכטיקע,
ברויז אזוי ווי ווייַן, —
ברייטע פעלדער פּרעכטיקע,
לאַנען פול מיט שיין!

ג

און צייטנווייז, און צייטנווייז
דוכט זיך מיר נאָך אויס,
אַז וועלטן ניט געזעענע
שטייען וואו פאַראויס.

אַז בערג באַשטראַלטע, זוניקע,
ווארטן שטילערהייט
אויף ים׳ען בלויע, רוישיקע,
ים׳ען פול מיט פרייד.

הימנע

גבענטשט זאָל זיין די שעה וואָס שטאַרבט און ווערט געבאָרן,
דער ברויזנדיקער וואַל און שפּילעוודיקער שוים;
געבענטשט זאָל זיין דער קוואַל פון ליבשאַפט, האַס און צאָרן,
געבענטשט זאָל זיין דער אייביק־בליענדיקער בוים!

דאָס לעבן ווייזט זיך אונדז אין טויזנטער געשטאַלטן,
נאָר יעדערער קלייבט אויס און פילט וואָס אים איז שיין,
געבענטשט זאָל זיין די קראַפט וואָס איז אין אונדז באַהאַלטן,
און איז אין אונדז באַשאַפן בלויז פאַר אונדז אליין.

פון תהו שטאַמען מיר און ווערן באַלד צעשוואומען . . .
דער טויט און לעבן רוען אין דעם זעלבן שוים.
געבענטשט זאָל זיין דער טאָג וואָס איז פון נאַכט געקומען,
געבענטשט זאָל זיין די נאַכט וואָס קומט פון טאָג אַרויס;

מעלאָריעס

נאַרציסן

נאַרציסן רויט-באַזוימטע
וויאַנען שטילערהייט;
חלומות ניט דערטרוימטע,
אומעטיקע רייד . . .

די אויפגעשפּיצטע בלעטלאַך
ציען זיך שוין איין;
ווי דורכזיכטיק און געטלאַך
איז דער שטילער פּיין.

די אָפּגעשוואַכטע ריטלאַך
בויגן זיך פאַרטראַכט;
ווי אומעטיק-געמיטלאַך
איז די בלויע נאַכט.

אומעטיקע מעלאָדיע

איך ווייס ניט וואָס דיביימער טענה׳ן,
ווען די נאַכט פאַלט צו אין פעלד, —
נאָר איך ווייס — מיט טויזנט פּיינען
גייען מענטשן פון דער וועלט.

איך ווייס ניט צי עס קלאָגט דער שטערן
ווען ער פאַלט אין ים אריין, —
נאָר איך ווייס — אין ימ׳ען טרערי
ווערט פאַרלאָשן אונדזער שיין.

פאָלקס-מאָטיוון

א

קומען אָן די פייגעלאַך —
וויים מען ניט פון וואַנען;
גייט שפּאַצירן אַ פּאָר פאָלק,
בין איך זיי מקנא.

וואַקסט אַ ווילדער עפּל-בוים —
נאָר ער פרייט ניט קיינעם;
זע איך קליינע קינדערלאַך,
הייב איך אָן צו וויינען.

ב

וואַקסט אַ יונגער בוים אין גאָרטן,
זיצט אויף אים אַ שוואַרצע קראָ.
מיד בין איך פון שווערן לעבן —
און קיין אויסוועג איז ניטאָ.

אויף די פעלדער בליען בלומען,
פייגעל פליען דארטן אום;
האסט מיין הארץ אין מיר צעריסן,
איצטער וועלקט עס ווי א בלום.

שלאגט א פליג זיך אן די שויבן,
קאן פון חדר ניט ארויס . . .
טריפן טרערן פון די אויגן,
פאלן הייסע אין מיין שויס.

ג

רינט אראפ א וואסערל
פונם בארג אראפ, —
בלייב ניט זיצן, מיידעלע,
ביזן גרויען צאפ.

רינט און רינט דאס וואסערל,
פלעכט זיך אין דער קרים, —
ווערסט די אויגן אויסוויינען
ווארטנדיק אויף אים.

צייטיק ווערט דאס עפעלע,
פאלט עס אויף דער ערד;
ווער עס וועט דיר אויספאלן,
יענער איז באשערט.

רינט און רינט דאס וואסערל,
פונם בארג אראפ, —
בלייב ניט זיצן, מיידעלע,
ביזן גרויעם צאפ! . . .

דאָס ליד פון געפאַנגענעם

שטילער, שוואַכער קלינגען שוין
מיינע שווערע קייטן,
ווער וועט מיך מיט אַ געוויין
צו מײַן רו באַגלייטן

ווער וועט ברעכן שטיל די הענט
און וועט ביטער קלאָגן,
ווען מען וועט פון די פיר ווענט
מיך צום קבר טראָגן?

מיך וועט צו מײַן לעצטן שלאָף
קיינער ניט פאַרוויגן . . .
קאַלט וועט זיין אין קבר־שלאָף
אָן אַ טרער צו ליגן.

וואָס זיפצט איר, פאַר׳חלומ׳טעביימער,
אין בלייכן און בלוילאַכן שיין?
אָ ביימער, פאַר׳חלומ׳טע ביימער,
איך ווייס שוין פון לאַנג אייער פּיין.

און דו, מיט באַזילבערטע פליגל,
ניט כישוף מיך, איינזאַמע נאַכט;
פאַרשפּרייט די באַזילבערטע פליגל
אויף די וועמען ס׳פרייט נאָך דיין פּראַכט.

ניט שיינט פאַר מיר, ליכטיקע שטערן, —
איך בין דאָך שוין נאָענט פון ברעג;
נאָר שיינט בעסער, ליכטיקע שטערן,
פאַר די וואָס פאַרבלייבן אין וועג . . .

וויג־ליד

שלאָף מיין קינד, שטיל שלאָף איין,
טיר און טויער אויפֿן ריגל;
באַ דיין וויג
שטייט דאָס גליק,
פֿאָכט מיט ווייסע פֿליגל.

שלאָף מיין קינד, וועסט פֿאַרשטיין,
ווען דו וועסט נאָר עלטער ווערן,
אַז דאָס גליק
באַ דיין וויג
האָט פֿאַרגאָסן טרערן . . .

ווער איז גערעכט?

שטייט אויפֿן זון אַ פֿאַרטריקענטער בוים,
שאָקלט דער ווינט זיינע צווייגעלאַך קוים.
עלנדע אָוונטן, שיכור'ע נעכט —
ווער איז גערעכט?

בלוטיקע טריט פֿון אַ וואָלף אויפֿן שניי
טאַנצן און פֿאַלן אין ווילדן געדריי.
עלנדע אָוונטן, שיכור'ע נעכט —
ווער איז גערעכט?

אַ פראָסט לידעלע

— וואו ווערן פארשוואונדן די טעג?
— איך וויים ניט, מיין קינד.
— וואָס טראכטן די ביימער ביים וועג?
— ניט פרעג מיך מיין קינד.

— פו! וואָס רוישט דאָס טייכל פארטראכט?
— איך וויים ניט, מיין קינד.
— וואָס וויינט דאָס דער ווינט אין דער נאכט?
— ניט פרעג מיך, מיין קינד.

אַ שנייעלע

אַ שנייעלע האָט זיך געדרייט, געדרייט,—
און איז אַראָפּגעפלויגן,—
און אויך אַזוי האָט זיך מיין פרייד
ניט לאַנג געצויגן.

ניט לאַנג געדויערט האָט מיין חלום אויך,
וואָס איך האָב זיך געשפּונען;
אַראָפּגעפלויגן פון דער הויך —
און איז צערונען.

— אוי פויגל, דו פויגל,
מיין פויגל פאַרטראַכטער,
וואס האלטסט דו די אויגן
אין אומעט פאַרמאַכטע?

— דער טאָג איז אריבער,
אריבער, צעשוואומען . . .
און מיר איז פאַרבליבן
דער חושך, דער אומעט.

— אוי פויגל, דו יונגער,
וואָס ביזט דו אנטשוויגן!
דו האָסט דאָך געזונגען
פון גאָלדענע גליקן. . .

—געזונגען פאַר פרעמדע,
פאַר שוואכע און מידע,
און וועל אַ צוקלעמטער
אויך שטאַרבן מיט לידער.

וועסט גיין

אזוי שיין
שפּילן האַרפן,
אזוי שיין . . .

דו וועסט גיין,
וועט מען דאַרפן —
וועסט דו גיין.

מיט געוויין
ריידן טשעלי.
מיט געוויין . .

דו וועסט גיין,
וועסט ניט וועלן —
און וועסט גיין . . .

פאַר וואָס?

די וואָלקנס פאַרשווינדן,
דער הימל ווערט בלוי,
פאַר וואָס ביזט דו, האַרץ מיינס,
פאַרטרויערט אַזוי?

עס שרעקט דיך דער מערב
אין רויטלאַכן שיין?
אַזוי איז דאָס לעבן,
עס דאַרף אַזוי זיין! . . .

פאַר וואָס ביזט דו, האַרץ מיינס,
פאַראומערט אַזוי?
די וואָלקנס פאַרשווינדן,
דער הימל ווערט בלוי . . .

נאַקטיורן

בלי אויף מיין האַרץ אין שטילער שעה!
עס בליען קווייטן אין דער נאַכט,
און לעבנס בליען אין דער נאַכט . . .
בלי אויף מיין האַרץ!

מיט סודות הויכט די שטילע שעה,
בלי אויף מיין האַרץ אין בלויעם שיין,
אין אומעטיקן שטערנשיין —
בלי אויף מיין האַרץ!

שטאָט

פּרעלודיע

כ׳האָב געוויינט
און געטאַנצט,
כ׳האָב געטרויערט
און געלאַכט;
כ׳האָב געמיינט
לעבן גלאַנצט, —
ערשט עס לויערט
גאָר דער טויט.
און אויף טריט,
און אויף שריט
שפּרייט ער אויס
זיינע נעצן ברייט און גרויס.

וואָס איך בין
בין איך ניט;
נעמט מיך מיט,
גוטע לייט,
ערגעץ ווייט,
ווייט אַהין . . .

וויין א קריגל
גיט מען דאָ;
יאוש-פליגל
פאָכן דאָ.

דער וואָס וואכט
איז אליין,
דער וואָס לאכט
איז אליין,
דער וואָס טראכט
איז אליין,
און אין הארצן
איז א שטיין.

און אליין
אומעטום,
ווי א שטיין
אומעטום . . .

וויי און וויי!
איך פארשטיי,
אז מיין סוף
וועט זיין שווער,
ווי א שטראָף —
וועט זיין שווער.

אוי, ניין, ניין!
כ׳וויל ניט גיין
פאר דער צייט,
כ׳וויל ניט גיין
אָן א צייט.
אין מיין ברוסט

האָב איך לוסט
ימ׳ען פּיל, און געפיל
גאָר די וועלט! . . .
נאָר איך פיל
שוין די קעלט
און די טריט
פון דעם טויט . . .
זיינע טריט
זיינען רויט,
זיינע טריט
הערט מען ניט;
אין דעם שפּיץ
פון זיין שווערד
גיט אַ בליץ
מיר די ערד.

שטילערהייט
קומט ער צו,
גרויסע פרייד
זאָגט ער צו. —

„דאָ איז שרעק,
דאָ איז קעלט —
גיי אַוועק
פון דער וועלט.
קומט מיט מיר:
דאָ בײַ מיר אָפן ברייט
איז דיין טיר,
יעדער גייט
און געפינט
די חלומות

וואָס ער שפּינט.
קום אַריין,
ס׳איז מיין פּאַלאַץ
פול מיט שיין,
מיט דעם שיין
פון ניט זיין״.

אויפגעוואַכט, אויפגעוואַכט!
שפּילט מוזיק
אין דער נאַכט,
שפּילט מוזיק —
און איך וויין,
שפּילט מוזיק —
און איך קלאָג.
נאָך אַ טאָג,
נאָך אַ טאָג
מוז מען גיין,
מוז מען גיין.

וויין אַ קריגל
גיט מען דאָ,
יאוש-פליגל
פאָכן דאָ.

און דערווייל
פריי איך זיך,
און דערווייל
דריי איך זיך,
און איך טאַנץ,
און איך גלאַנץ
אין דעם שיין
פון מיין זיין.

אין שטאָט

א

גרויסע שטאָט, דו ביזט אין מיר!
ווי די עקדישן, די תאוות, וואַכן ביי מיין טיר;
פליט אַרויס אַ ווייסע טויב
מיט אַ רויט-באַפלעקטן קאָפּ,
גיט זיך אויף אַ וויל אַ הויב —
און פאַלט אַראָפּ . . .
וואַלגערן זיך אינם שטויב
מיינע ווייסע טויבן.

ב

האָבן מענטשן זיך פאַרמערט
אויף דער ערד, —
האָבן זיי די וועלט פאַרצאַמט.
ווערט פון זייער וויי דער בלויער הימל הויך,
איינגעהילט אין וואָלקנס שוואַרצן רויך.
תאוות האָבן זייער בלוט פאַרסמט,

און דער גענץ
פון פאַרשייטער גאַס
האָט באַדעקט די לייבער זייערע מיט קרעץ,
און די הערצער דורכגעברענט מיט האַס.

ג

ווי מיט אויסגעשטרעקטע צינגער הינט,
שטייען מענטשן אויף די ראָגן;
זייערע פאַרשייטע בליקן קלאָגן!
זייער שמייכל פון אַ קראַנקען קינד
ווערט צעשוואומען אין דער נאַכט . . .
און די תאוה, ווי אַ שטורם-ווינט,
הערט ניט אויף צו יאָגן
אין דער נאַכט.

ד

נאַכט דו נאַכט פון גרויסער שטאָט!
ברענען מענטשנס הערצער אויפן פייער פון דער נאַכט . . .
און אין הימל גאָט
הערט זיך צו, אַ מידער, ווי דער משחית לאַכט...

ה

טאַנצן לוסט און טויט אַ קאַראַהאָד
אין די גאַסן פון דער גרויסער שטאָט.
טאַנצט די לוסט, —
און נאַראָנים פרייען זיך,
און נאַראָנים דרייען זיך,
טאַנצט דער טויט, —
ווערן זיי דערשראָקן,
הויבן אָן צו קלאָגן:
זייער אויסגעוויינטע פרייד
יויבט אוועק דער טויט.

אין פּאַרק

פאַלן בלעטער, פאַלן,
ווי די טרערן פון מיין וויי,
פאַלן בלעטער פאַלן . . .
פאַלן בלעטער געלע, רויטע,
פאַלן אויסגעדאַרטע טויטע —
טרערן פון מיין וויי.

ערגעץ אויף די וועגן
וואַלגערן זיך בלעטער אום,
אויף די גרויע וועגן.
בלעטער געלע, בלעטער רויטע.
בלעטער אויסגעדאַרטע טויטע —
וואַלגערן זיך אום.

גרוי און שווער דער הימל
ווי דער צער פון מיינע טעג,
שווער און גרוי דער הימל . . .
און די בלעטער געלע, רויטע,
פאַלן אויסגעדארטע, טויטע,
פאַלן אויף מיין וועג.

* *
*

לאַמטערנשיין אויף פייכטן, גלאַנציקן אַספאַלט
און פייערלאַך אין געלע נעפּלדיקע קוילן ;
די הימלען, דוכט זיך אויס, צעשווימען זיך אין גרוילן
און קוים ווי פון אַ דינער זיפּ דער רעגן פאַלט.

עס אָטעמט שווער די שטאָט ; אַ שלומער מיד באַפאַלט
די פייכטע מויערן, די בריקן און די גאַסן ;
און זייער חלום שיינט אין גלאַנצנדיקע פאַסן
אין דעם לאַמטערנליכט אויף פייכטלאַכן אַספאַלט.

און דורך דעם ווייכן, נעפּלדיקן שלייער שטראַלט
אַ ליכטיקייט צעפּיצלט אויף מיליאָנען אויגן.
חלומות פון די שטיינער ! זון און רעגנבויגן
אין דעם לאַמטערנגאָלד אויף גרויאיקן אַספאַלט.

עטיוד

פענסטער זיינען ברייט געווען צעעפנט
און געבעטן האָט מען מיך אריין, —
אפשר וועל איך דאָרט מיין ווייטע טרעפן,
אפשר וועט זי דאָרטן זיין . . .

האָט אַן אַלטער מאַן געשפּילט פּאַראומערט,
פֿאַרלאָך האָבן זיך געדרייט געשווינט, —
ווי עס דרייען זיך אין לופט סוף זומער
געלע בלעטער אויפן ווינט.

מיט געקויפטן רייץ און לוסט באַוואָפנט,
האָט אַ פרוי אַ שמייכל מיר געשענקט.
דאָס איז ז י געווען . . . איך האָב געטראָפן
די נאָך וועמען כ'האָב געבענקט.

האָט מיין בלוט פאַר האַס און פרייד געשטורעמט
און דאָס האַרץ געקלאָגט אין שטילן צער . . .
און דער מזל פון זיין הויכן טורעם
האָט געשמייכלט ווי אַ נאַר.

אימפרעסיעס

א

גייען אום,
מענשן שטום,
גייען אום,
גייען אום.

אין דער ווייט
אָן א צייט,
אָן א צייט,
אין דער ווייט.

קוקן קרום
אומעטום,
אומעטום,
אומעטום.

מיט אמאָל
לאַכט מען הויך.

אויפ׳ן קול,
לאַכט מען הויך.

נעמט מיך מיט,
נעמט מיך מיט !...
און, אויב ניט,
זאָל זיין ניט.

ב

רעגענען די הימלען
און די מענשן שימלען,
שוידער׳ן און גרוילן
טרייסטן זיך און...פוילן.

בלאָטיגע פון רעגן
ציען זיך די וועגן,
קעפּ אין צער געבויגן,
טרערן אויף די אויגן.

פאַרלאָך ענג געאָרעמט,
עלנד, ניט דערוואָרעמט
ווייל די זון זיך שעמען
האָט זי ניט פאַר וועמען.

שניידט זי דורך די גרויקייט
און ארום אין בלויקייט,
פארלעך ענג געארעמט
עלנד ניט דערווארעמט...

ג

זינגט די זינד
אין דער נאַכט
וואויען הינט
אין דער נאַכט,
בליט די פרייד
שטילערהייט
אין דער נאַכט...

ד

לויכט די ליבשאפט אויפ'ן וועג,
גייט אַרויס אין טאַנץ;
אין דעם שימל פון די טעג
טונקל ווערט דער גלאַנץ.

פייער, פייער שטראָמט פון באַרג
מיט גערויש אין טאָל;
אויף דעם וויסטן אַלטן מאַרק
דומפּיק ווערט דער קול.

שוימט דער ים און שלאָגט און ברומט
זוכט פון תהום דעם סוד, —
שטיל פאַרגייט דער טאָג וואָס קומט
אויף דער טויטער שטאָט.

ה

ווייסע פענסטער, שווארצע נאַכט, —
ווער האָט מיך אהער געבראַכט?

ווינטן קלאַפּען אין מיין טיר,
כמאַרעס יאָגן איבער מיר . . .

איינזאַם גליווערט יעדע טרער, —
ווער האָט מיך געבראַכט אַהער?

ו

מענטשן, האַלבע אידיאָטן,
יעדער איינער אויף זיין פּלאַץ,
דער אַ מויז און דער אַ קאַץ.

ווען ווערט דער שפּיל געראָטן?
הילכט דאָס פּייקל, קלינגט דער טאַץ,
שטאַרבט אַ בלימל אין אַ לאַץ.

קליפּ, קלאַפּ, באַלד פאַרשאָטן,
ניט קיין מויז און ניט קיין קאַץ,
מאַכט אַ וואַרע, מאַכט אַ פּלאַץ!

מענטשן האַלבע אידיאָטן . . .

ז

פון מיין האַרץ די בלינדע שלאַנגען
וואָלט איך אויסרייסן געוואָלט;
טאַנצן וויל איך מיט געזאַנגען
אין דעם ים פון זון און גאָלד.

הייבן מויערן זיך הויכע
איבער מיין פאַרזאָרגטן קאָפּ;
שאָטנס אויסגעצערטע, בלייכע
קוקן שטאַר אויף מיר אַראָפּ.

ווינטן יאָגן בא די זייטן,
וועלטן שווימען אום אין בלוט, —
און דער שטן פּאַכט פון ווייטן
מיט זיין פייערדיקער רוט.

ח

מענטשן בייזע, מענטשן שטילע,
יענער שילט און דער טוט תּפילה,
נאָר מען היט אין זיך דעם סוד,
יעדער איינער היט זיין סוד.
טראגט מען אויפ׳ן הארצן שטיינער,
נאָר עס זאָל ניט וויסן קיינער.

ט

פייערן, פייערן,
זינדיקע מאַכט,
פייערן, פייערן,
שוים פון דער נאַכט.

רויטע, פאַרבלוטיקטע —
אויגן פון שרעק,
גרינע און פריילאַכע —
פריי איז דער וועג!

גיסן זיך פייערן
פאַרביק-געשווינד,
פייערן, פייערן,
אויגן פון זינד!

אַ שפּאַציר

דיין קאָפּ — אַ בלימל,
וואָס דרימלט
פאַרנאַכט אין שטילן טאָל.

גערעדט —
און ניט דערערעדט;
צערונען.
נאָר פּעדים האָבן זיך געשפּונען,
געצויגן זיך אַזוי . . .
און ס׳האָט דער טאָג אין גרוי,
פאַרטראַכט,
אַרויסגעשיילט זיך פון דער נאַכט.

אַלייען, הוילע צווייגן;
אין זייער שווייגן
דער נאָכקלאַנג פון געוויין . . .
און דאָרטן אויף אַן אַלטן שטיין
געזעסןביידע און געקלערט —
באַשערט!

אָ, תהומען פון געפיל!
אַן אומעטיקער קוש אין שטערן,
און אין דער שטיל
דורך טרערן:
גאָט זאָל דיר העלפן,
גאָט זאָל דיר העלפן . . .

גאַסן

גאַסן, גאַסן —
וואו די זינד אין לופטן פלאַטערט,
גאַסן, גאַסן —
וואו דער הפקר בליט און מאַטערט.

גאַסן, גאַסן —
פייערשילדן גרינע, רויטע . . .
גאַסן, גאַסן —
וואו עס פאָרן זיך די טויטע.

גאַסן, גאַסן —
אויגן שימערן און גלאַנצן,
גאַסן, גאַסן —
וואו דער טויט מיט אומזין טאַנצן . . .

זי

זי גייט פאַרביי —
די זינד מיט גוף באַצויגן ;
זי שמייכלט פריי
און האַלדזט מיך מיט די אויגן.

זי שטעלט זיך אָפּ —
די טומאה אויפן שטערן ;
איך בייג מיין קאָפּ,
באַהאַלטנדיק די טרערן . . .

אומשולד

זי איז שעה'ן לאנג געשטאַנען ביי דער וואַנט ;
מיך דערזען און אַנגענומען ביי דער האַנט.

און אין אירע אויגן, קוואַלן פול מיט זינד,
האָט געצאַפּלט זיך די אומשולד פון אַ קינד.

אירע ליפּן האָבן עפּעס מיר געזאָגט,
נאָר איר שטומער הפקר-שמייכל האָט געקלאָגט.

אין שענק

אזויפיל מענטשן בא די טישן,
אזויפיל רויטקייט אין דעם וויין!
איך וויל מיין וויי מיט וויין צעמישן, —
נאָר איך קאָן ניט שיכור זיין.

א צער... אזוינע מאָדנע מענטשן!
דער—זינגט, דער—וויינט ביים גלעזל וויין...
דעם גרויסן יאוש וויל איך בענטשן, —
נאָר איך קאָן ניט שיכור זיין.

עלנד

לאנג געקלאפּט צום פריינד אין טיר
האָב איך איינמאָל שפּעט ביי נאכט,
איז אַ קעצעלע פאַרשמאַכט
צוגעגאַנגען שטיל צו מיר.

כיף, געהיים און פול מיט שרעק
האָט איר גרינער בליק געברענט...
כ'האָב מיין עלנדקייט דערקענט —
און בין שנעל פון טיר אַוועק.

אין די נעכט

אין די נעכט, אין די צעשוואומענע און פייכטע,
ווען פון נעפל ווערט פארשלונגען יעדער טראַט,
דאַמאָלסט גיי איך אויף די וועגן פון געווייכטע,
דאַמאָלסט בין איך מיט דעם אָפּפאַל פון דער שטאָט.

ניט מיט פויסטן, ניט מיט נעגל און מיט ציינער —
נאָר מיט ווערטער ווערט דער ווילדעסטער באַזיגט;
וואָלט נאָר קומען דער געלייטערטער, דער ריינער, —
וואָלט ער אַלעמען געהייליקט און באַגליקט.

נאָר דערוויילע וואַקסט ד ע ר ג אָ ר נ י ש ט און צעשפרייט זיך,
ווי דער שוידער אין אַ לאַנג-פאַרלאָזטן הויז,
וואו אַ קינד הייבט אָן צו וויינען און פאַרגייט זיך
באַ זיין שטאַרבנדיקער מוטער אויפן שויס . . .

מיין באַגלייטער

אַ נאַכט בין איך פון גאַס צו גאַס ארומגעלאָפן,
און אומעטום האָב איך דעם בלייכן שרעק געטראָפן;
געקוקט האָט ער אויף מיר פון אַלע בלינדע ווענט,
און אויסגעשטרעקט צו מיר די קלעפיק-קאַלטע הענט.

איך האָב פון אים אין ערגעץ ניט געקאָנט אנטלויפן —
ער האָט נאָך מיר געיאָגט זיך איבער מערק און הויפן;
גענומען האָב איך שרייען אימה׳דיק און ווילד,
האָב איך זיין שווערן אָטעם אויף מיין האַלדז דערפילט.

אַ וואָרף געטאָן זיך האָב איך אויף דער ערד אַ מידער,
האָב איך אים באַלד דערפילט אין אַלע מיינע גלידער;
זיך אויפגעהייבן האָב איך, און אין פעלד אַוועק —
נאָר נאָכגעגאַנגען שטום איז הינטער מיר דער שרעק.

און ווען דער מזרח האָט גענומען ווערן רויטער,
האָב איך דערזען דאָס בלאַס געזיכט פון מיין באַגלייטער,
און אויפן אָרט, צעמישט, בין איך געבליבן שטיין:
דערקענט אין מיין באַגלייטער האָב איך זיך אַליין.

ליד

וואויען הינט אויף דער לבנה,
לאַכן קורוועס, שיכור, פרעך . . .
וואויען, קלאָגן שטומע הערצער,
לאַכן פּנים׳ער פון בלעך.

ציט זיך, וויקלט זיך דער פּאָדים
פון דער אייביקייט געשפּינט . . .
לאַכן קורוועס אין די גאַסן,
וואויען, יאָמערן די הינט.

אַלעמען דער זעלבער אומזין
האָט אין וויסטעניש געבראַכט:
וואויען הינט אויף דער לבנה,
לאַכן קורוועס אין דער נאַכט.

עטיוד

. . . און פאַרנדיק פאַרנאַכט
דורך די באַלעבטע גאַסן פון דער שטאָט,
האָב איך געטראַכט
פון אייביקייט, פון גאָט . . .
איך האָב געזוכט דעם אורשפּרונג פון געדאַנק,
און נאָכגעפאָלגט דעם אומגעריכטן דראַנג
פון ווילן.
כ׳האָב טיף געפילט, און אַ געהיימע קראַפט געשפּירט;
און ס׳האָט דער רעיון מיך פאַרפירט
אין זיינע ווייטע, נעפּל־איינגעהילטע ווינקלען;
ווי שוואַרצע שטערן האָבן אָנגעהייבן פינקלען
באַגריפן פון אומענדלאַכקייט, נירוואַנאַ, גליק . . .
נאָר פּלוצלונג האָט זיך אָפּגעשטעלט מיין בליק:
דיביימער לאָזן זיך פאַנאַנדער! . . .
די ביימער לאָזן זיך פאַנאַנדער,
אין אָוונטיקע שטראַלן
ווי ברוינע, גרין־באַשפּרינקלטע, וואַלן.

. . . „און דער וואָס זאָגט:

ווי שיין עס איז דער בוים, ווי שיין עס איז דאָס פעלד,
איז חייב אין זיין לעבן.“
אזוי געוואוסט האָט אונדזער אַלטע וועלט,
און דורך די טונקעלע געוועבן,
צייט דורות לאַנג,
האָט זיך געהייליקט דער געדאַנק.
ווי שיין עס איז דער בוים, ווי שיין עס איז דאָס פעלד!
מיר הערן אויף די אייביקייט אין זיך צו פילן:
אַ טיפע בענקשאַפט הייבט זיך אין אונדז אויף
נאָך אונדזער גוף.
וואָס וועלקט און פוילט, — און קיין זאַך קאָן אונדז דאָן ניט
שטילן . . .

און דער וואָס זאָגט:
ווי שיין עס איז דער בוים, ווי שיין עס איז דאָס פעלד,
פאַרשפּילט זיין וועלט.

. . . דיביימער לאָזן זיך פאַנאַנדער, —
נאָר מיר וואָס טוען דאָ,
פאַרפּלאָנטערט ביז דער לעצטער שעה
אין נעץ פון אומפאַרמיידלאַכקייט און זינד?
מיר מוזן אונדזער וועלט פאַרשפּילן . . .
און ווי אַ נאָכגעגעבן קינד,
באַגרייפן מיר ניט, וואָס מיר ווילן.
די ביימער לאָזן זיך פאַנאַנדער,
און אַלץ פאַרשווינדט: דער חלום, דער באַשייד,
נירוואַנאַ, תהו, זעליקייט און טויט . . .
די ביימער לאָזן זיך פאַנאַנדער,
די ביימער לאָזן זיך פאַנאַנדער . . .

אומפאַרמײַדלעכקײט

ראַגמענטן פּון אַ פּאָעמע

א

. . . גרויזאַם איז די קראַפט
וואָס האָט באַשאַפן אונדז,
און האָט אַ טייל פון זיך
אין אונדז פאַרגעסן . . .

נאָר ווער און וואָס בין איך?
אַ ברעקל פון דער וועלט,
פון דער אומענדלאַכטקייט!
אַ טרעפּ פון לייטער,
וואָס ציט זיך אומבאַוואוסט וואוהין?
אַ טרעפּ —
אויף וועלכער מען וועט טרעטן!
איז טרעטן וועט מען אויף מיין מאַרך
און אויף דאָס שענסטע, איידלסטע,
אַלץ איינס ווי אויף דאָס העסלאַכסטע
וואָס איז אין מיר! . . .
און זיינען מענטשן מיסט,

וואָס מאַכן פעט דאָס פעלד
און קרעפטיקער דעם זאַנג,
און פּרעכטיקער די בלום —
איז דאָס אַ טרייסט פאַר מיר,
אַז אויך די קומענדע,
וואָס וועלן זיין דורך מיר פאַרבעסערט—
פאַרוואַנדלט וועלן ווערן אויך אין מיסט
אַזוי ווי איך אליין ? . . .
אָ, גרויזאַם איז די קראַפט
וואָס האָט באַשאַפן אונדז,
און האָט אַ טייל פון זיך
אין אונדז פאַרגעסן !

נאָר אפשר זיינען מענטשן וועלף —
וואָס האָבן ניט קיין מאָרגן,
וואָס זייער לעבן נאָר באַשטייט
פון איצטערדיקער רגע,
וואָס רייסן אָדערן און פלייש
פון זייער חבר
דעם שוואַכערן פון זיי
און פרעסן באַלד אים אויף,
ווען ער פאַרלירט אין שלאַכט זיין לעבן !
וואָס זעטיקן נאָר אָן
די ווילדע תאוה,
און שלאָפן ווען דער מאָגן
איז מיט נבלה פול ! . . .
דאַן—בין איך אויך קיין וואָלף ניט . . .
מיר שטערט,
עס האַלט מיך אויף די קייט,
וואָס ציט זיך פון דעם אָנהייב,
פון וועלכער איך אַליין

בין בלויז א טייל פון קלענסטן רינגל,
און, קען זיין, נישטיקער
און אומבאַדייטנדער .נאָך פיל . . .

און זאָל איך האָבן פרייד
פון דעם — וואָס קוקט מיין אויג,
פון דעם — וואָס פילט מיין האַרץ,
פון דעם — וואָס אָטעמט שווער מיין ברוסט, —
נאָר קאָן צעפרידן זיין אַ פונק וואָס לעשט זיך אויס ?
און קאָן צעפרידן זיין אַ הונט, וואָס לויפט
און פילט די גאַנצע צייט
אַ שטעקן אויפגעהויבן אויף זיין קאָפּ ?
און קאָן צופרידן זיין דער מענטש,
ווען ער פאַרשטייט בלויז דאָס
וואָס איז פון אים אַליין געשאַפן ?
און זיך ? זיך קאָן ער ניט באַגרייפן ! . . .
און קאָן דער אויגנבליק פון גליק
פאַרגעבן אויף די לאַנגע,
מיט ווייטיק פולע שעה׳ן,
וואָס יעדע ווײַלע
פון זיי —
איז ווי די אייביקייט אַליין
אומענדלאַך לאַנג ? . . .

און דאָך,
עס ווערט ניט מיד דאָס אויג פון זען,
דאָס האַרץ — פון פילן,
און קיין זאַך שטילט ניט איין דעם ברענענדיקן דאָרשט
מיר פילען בלויז און מיר פאַרשטייען,
אז עפּעס

פארלירן מיר אין יעדער ווײלע וואָס פארגייט.
נאָר וואָס — באַגרײפט מען ניט.
ביז וואַנען
דער טויט אַליין מעקט אָפּ דעם גרענעץ
פון אונדזער ז י י ן און א י י ב י ק י י ט...

אַ. גרויזאַם איז די קראַפט,
וואָס האָט באַשאַפן אונדז
און האָט אַ טייל פון זיך
אין אונדז פארגעסן! . . .

ב

. . . נאַכט
אַליין אין וואַלד. מיר דאַכט,
אַז קיינער אויף דער וועלט
איז ניט פארבליבן,
בלויז איך, פון קעלט
און עלנדקייט געטריבן,
שפּאַן אום,
שפּאַן אום.

אַ שטעגל פלעכט זיך קרום;
אַרום איז טויט,
און בערג פון שטיין,
און איך — פון זיך אַליין
באַגלייט.

אַ פויגל שרייט:
און ערגעץ ווייט —
הילכט אָפּ איר קלאַנג.

אין מיר דערוואכט די צייט —
מיר דוכט, אז לאנג,
מיט יאָרן טויזנטער צוריק,
האָט שוין פּאַסירט דאָס גליק . . .
איך בין ג ע ו ו ע ן,
געפילט, געזען,
נאָר אַלץ איז שוין פאַרשוואונדן לאַנג,
אין שרעק
פון לויפנדיקע טעג;
אין גאַנג
פון ניט אַנטפּלעקטע וועלטן.

און פּלוצלונג פאַלט אַראָפּ
אַ בלעטל צי אַ רעגנשפּריץ;
אַ רעיון ווי אַ בליץ
פלאַמט אויף אין קאָפּ:
אַ קרבן דאַרף דאָס לעבן!
אַ קרבן — וועלכער זאָל פאַרגעבן
די פרייד;
וואָס איז אויף יענעמס לייד,
אויף יענעמס טויט
געבויט . . .

נאָר ווּעמען איז דאָס גליק באַשערט
צו זיין אַ קרבן פאַר דער ערד?
ווער קאָן דאָס מיט זיין בלוט און ביין,
די ערד — דאָס לעבן מאַכן ריין! . . .

עס הייגגט די פינסטערניש געדיכט,
פון נעפּל פייכט ווערט מיין געזיכט;
קיין אויסלייזונג ניטאָ נאָר פאַר דער וועלט,
קיין אויסלייזונג ניטאָ נאָר פאַר דער וועלט...

געפאַלן זיינען שטערן אויף דער ערד,
און אויך
מלאכים פון דער הויך —
פילע לעבנס האָבן שוין געליטן;
עס האָבן קוואַלן זיך אליין פאַרצערט,
און טייכן האָבן זייער גאַנג געביטן,
אַנטפּלעקט דעם אָפּגרונד האָט דער ים,
עס האָבן בערג מיט פלאַם
געשפּייט,
און זיך פון אָרט גערירט,
נאָך שטאַרקער איז געווען צו יעדער צייט
די זינד, וואָס האָט די וועלט געפירט,
און וועט נאָך, ווי אַ שווערע שטראָף,
דערפירן דורות ביז׳ן סוף.

עס צאַפּלט זיך אין מיינע האָר דער ווינט...
ווער ווייס וואָס איז אַ זינד?
קאָן זיין, אַז רויט איז אונדזער נאַכט —
פון די קרבנות וואָס מיר האָבן שוין געבראַכט...
און אפשר איז באַשערט,
די ערד —
זאָל לייטערן זיך אין דעם שיין,
פון שווידער און פון פּיין —
און נאָכדעם אויסגעלייטערט, ריין,
פאַר זיך אליין אַ קרבן זיין?...
ווער קאָן פאַרשטיין?...
אַ קרבן איז, קאָן זיין, דער מענטש אליין,
און מיט זיין לעבן קויפט ער אויס
פאַראויס
די רגע פרייד,
די רו פון טויט...

ווער ווייס
ווער ווייס?

עס זינקט אין נאַכט — די נאַכט.
מיר דאַכט;
אַ גרייז איז אַלץ וואָס האָט פּאַסירט
און מיך אַהער דערפירט...
אַרום איז טויט...
בלויז איך — פון זיך אַליין באַגלייט.

ג

ווי דאַרשטיקע צום וואַסער פאַלט איר צו —
צו יעדער שעה פון לעבן.
נאָר ווייסט פאַראויס: באַפרידיגונג און רו
וועט אייך דער קוואַל ניט געבן;
דער שטראָם איז טיף און גרוים —
און קיינמאָל שעפּט ער זיך ניט אויס,
דאָך — וועט איר דאַרשטיקע פאַרבלייבן! . . .
אַרויסגעריסן פון דעם תהום,
וועט אייך דער שטראָם
צעריק צעזאַמענקלייבן
אַהין, — אוואו עס שלאָגט און אירט
דער צער און פרייד פון אַלעמענס געבירט . . .

דער תוך פון זיין?
דאָס וועט אייך קיינער ניט דערקלערן:
וואו חושך — דאָרט איז שיין,
וואו פרייד — דאָרט זייגען טרערן,
די ליבשאַפט מיט דעם האַס —
צעזאַמען ווערן זיי געבאָרן!

און אין דעם לויכטנדיקן שפּאַם
שלאָגט אָפּ דער שוואַרצער פלאַם פון צאָרן . . .
א שטויב
מיט שטויב
באהעפטן זיך אין וועג —
אוןביידן טראָגט דער ווינט אוועק . . .

און ווען איר גייט
אין וועג מיט פרייד,
איז וואויל צו אייך.

און האָט איר מוט,
צו גיין אין בלוט, —
איז וואויל צו אייך.

נאָר וויי איז אייך,
און וויי איז אייך, —
אויב איר זייט ר י י ן.

נאָר וויי איז אייך,
און וויי איז אייך:
איר מוזט דאָך גיין! . . .

ד

ווייסע, שוואַרצע, געלע מענטשן, —
אומזין, אומזין,
בלוט איז רויט!
ווייסע, שוואַרצע, געלע מענטשן, —
אומזין, אומזין,
טויט — איז טויט.

האָט אַ פייער זיך צעפלאַמט אין מענטשנס האַרץ,
האָט זיך אָנגעצונדן באַלד די גאַנצע ערד.
שטייען ווענט פון רויך ווי אָפּגרונט שוואַרץ,
שפּיגלט זיך די וועלט אין שאַרף פון שווערד . . .
זיינען קינדער פון דער ערד געוואָרן ווילד,
האָבן זייער דאָרשט נאָך רו מיט בלוט געשטילט.

ווייסע, שוואַרצע, געלע מענטשן, —
אומזין, אומזין,
בלוט איז רויט!
ווייסע, שוואַרצע, געלע מענטשן, —
אומזין, אומזין,
טויט — איז טויט.

זיצט דער אָפּגאָט מולך אויפן טראָן און לאַכט,
קוקט דער אָפּגאָט פון זיין שאַרבנטראָן און קוועלט:
אין אַ ים פון בלוט פאַרטרונקען ווערט די וועלט, —
און אין מענטשנס האַרץ איז פינסטער נאָך די נאַכט;
האָט דער מענטש פון בלוט און הונגער נאָר דעם טעם פאַרזוכט,
בלייבט זיין פרייד דורך לאַנגע דורות נאָך פאַרפלוכט . . .

ה

טויט איז מיין נשמה! . . . גאָט
האָט אָפּגעטאָן פון מיר זיין גנאָד.
אויף זיבן ימ׳ען איז מיין פרייד צעשפּרייט,
אויף אַלע וועגן איז מיין צער פאַרזייט . . .
עס האָט דער ווינט דעם לעצטן שטויב צעבלאָזן,
און ווי אַ שטיין אַ האַרטער צווישן גראָזן,
בין איך געבליבן אין דעם מענטשן-מדבר שטיין
מיט מיין פאַרשטאַרטן האַרץ אַליין.

די זון אין אירע פליגל וועט ניט ברענגען מער
קיין היילונג מיר . . . קיין פרייד ווי ביז אהער.
און נאָר דער ווינט
וועט, אפשר, מיר אַן אָנזאָג און אַ גרוס מיר ברענגען:
דאָס וואָיען פון די הונגעריקע הינט
אויף תליות, וואו די ברידער מיינע הענגען,
אַ זעמדל אויסגעווייקט אין בלוט
פון קינדער, וועלכע שטאַרבן אונטער רוט,
אַ וואָלקן אויסגעוועבט פון רויך
וואָס האָט זיך פון די פייערן געצויגן,
וואו יונגפרויען און זקנים מיט געפּלאַצטע אויגן
ארויסגעזיפּצט האָבן דעם לעצטן הויך . . .

מיין הארץ איז טויט! . . .
און ימ׳ן בלוטיק-רויט
מיך קאָנען שוין ניט אויפשוידערן מער;
איך לעב ווי ביז אהער,
איך לעב, איך פיל נאָך און פארשטיי . . .
און ערגעץ . . . ערגעץ זיצן טויבן צוויי
די קעפּעלאך אין זיך אריינגעצויגן,
און קוקן מיט פארטראַכטע אויגן
ווייט אין דער וועלט אריין, אזוי . . .
דער הימל זאפטיק בלוי,
אויף פעלדער וויגן אום זיך גראָזן;
אַ גאָט,
מיין גאָט,
האָסט מיך פארלאָזן!
און מיינע אויגן האלב-פארמאַכט
קוקן אין דער נאַכט,
קוקן אין דער שווערער, בלינדער נאַכט . . .
און טויט איז מיין נשמה, טויט! . . .

ווײל דער מענטש זײן גײסט באװײזן,
װערט די ערד אין זינד פארזונקען,
ווײל דער מענטש זײן קראפט באװײזן,
װערט די ערד אין בלוט פארטרונקען.

װערן גרױס און קלײן פארטיליקט;
אײזן, בלוט און פלײש צוזאמען...
גײען אונטער שטעט און װעלטן,
װערן חרוב אין די פלאמען.

ערגעץ איז א בליק א קלארער
און א שװערע האנט באהאלטן:
די גערעכטיקײט באװײזט זיך
אין פארשײדענע געשטאלטן...

וואַנזין

לאָכן וועל איך, ברויזן, ברענען, לאָכן בייז און בלינד,
אַז מיין יאוש ניט דערקענען זאָלן זאַטע הינט;
מיט געלעכטער וועל איך שפּייען — פלוכן מיט מיין שפּאַס,
אַז מיין וואַנזין זאָל ניט שרייען אויפן מיטן גאַס.

בין איך אויף דער וועלט געקומען — דאַרף איך האָבן פרייד,
ווערן וויל איך אויפגענומען ניט געקאַרגטערהייט,
טויזנט זונען זאָלן שטראַלן אויף מיין יעדער טראָט,
זאָלן עפענען זיך קוואַלן, ווייזן זאָל זיך גאָט! . . .

האָט מען מיך אַהער פאַרשליידערט אָן אַ זין און צוועק,
פון דער אייביקייט דערוויטערט, אויסגעצײלט מיר טעג,
וואָלט אַ צייכן זיך באַוויזן און דעם סוד דערקלערט,
צעליב וואָס מיר, בלינדע ריזן, זעטיקן די ערד.

ווערן קינדערלאַך געבאָרן ווי קרבנות-שאָף . . .
אומצעקומען אין דעם צאָרן, אייביק אָן אַ סוף!
מיט געלעכטער וועל איך שפּייען, פלוכן מיט מיין שפּאַס,
אַז מיין וואַנזין זאָל ניט שרייען אויפן מיטן גאַס.

שרייט דער אָדלער, ברומט די טויב
און דער לעמפּערט רייסט זיין רויב . . .
אָן אַן אָנהייב, אָן אַ סוף
איז די אויסגעזוכטע שטראָף!

אויף דעם וויסטן, ווילדן וועג
קומען אום די נעכט און טעג.
שרייט דער אָדלער, ברומט די טויב
און דער לעמפּערט רייסט זיין רויב.

קומט ניט אָן די גרויסע פרייד!
דורות שווינדן בלינדערהייט . . .
שרייט דער אָדלער, ברומט די טויב
און דער לעמפּערט רייסט זיין רויב! . .

פאַר׳משפּט זיינען מיר

פאַר׳משפּט זיינען מיר; פאַרפאַלן!
און איבערגעטלאַך איז דעם מענטשנס פרייד,
ווי דאָס געפיל פון דעם פאַר׳משפּט׳ן, וואָס גייט
צום טויט און שמייכלט צו די שטראַלן,
און צו די גראָזן אויף זיין תּליה-וועג.
דאָס איז די טיפסטע פרייד פון שרעק, —
דער פּערל-שוים פון שווארצע קוואַלן!
פאַר׳משפּט זיינען מיר; פאַרפאַלן...

די לעצטע שעה

די שטריק איז שוין פֿאַרצויגן,
אַ בלעטל פֿאַלט;
די אויסגעגלאָצטע אויגן —
גלאָזיק, קאַלט . . .
און אויף דעם בלויעם, טויטן מויל
רוט דער שמייכלענדיקער גרויל.

אַ פֿויגל דורכגעפֿלויגן —
פֿאַרשוואונדן באַלד;
עס הענגט דער רעגנבויגן
איבער וואַלד . . .
און ערגעץ וואו, ניט דאָ, ניט דאָ,
וויינט און זינגט די לעצטע שעה.

בן אדם

דו האָסט, בן אדם, צופיל שוין
גענומען זיך אין זינען:
מען טאָר ניט שטאַרבן פאַר דער צייט,
מען מוז דעם טויט פאַרדינען!

פאַר וואָס, וואר ווען, און צעליב וואָס —
דאָס דאַרפסט דו גאָר ניט פרעגן;
דו ווייסט, פאַרוואָס עס שיינט די זון,
פאַר וואָס עס גייט אַ רעגן?

דו קאָנסט ניט שווייגן—שריי... נאָר לייד
צעגלייך מיט אַלע מענטשן.
דער טויט אַליין וועט דאַן מיט רו
און זעליקייט דיך בענטשן...

*　　*
*

און ווען עס שלאָגט אַ קוואַל,
ווער קאָן אים איינהאַלטן,
און ווען עס לייכט אַ שטראַל,
ווער קאָן אים אויסלעשן ?

און גייט די זון אַוועק,
ווער קאָן זי אָפּשטעלן,
די שאָטנס אויפן וועג,
ווער קאָן זיי נאָכיאָגן ?

און בענקט אַ האַרץ אין צער,
ווער קאָן עס מיטפילן,
און לאַכט אין גאַס דער נאַר
ווער קאָן אים איינשטילן ?

מיינע געטער

איך בין אנטלאָפן היינט פון מיינע אַלטע געטער,
דער שפּאָט פון זייער בליק איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן:
אָ נאַר! דו האָסט געוואַרט אויף שפּעטער —
האָסט דו פאַרלאָרן.

איך האָב געמיינט מיין צער וועט אַלעמען באַצווינגען,
און העכער פון די הימלען וועט מיין ווייטיק שטייגן;
נאָר ווי . . . אַ פויגל קאָן ניט זינגען
אויף הוילע צווייגן.

און קאַלט געבליבן זיינען אויף די מערק די שטיינער,
איך האָב זיך פון מיין נאַריש האַרץ געלאָזן פאַנגען:
עס האָט מיך ניט פאַרנומען קיינער, —
פאַרבייגעגאַנגען.

דערנאָך, פאַרנאַכט, מיט שטילע טריט פון אַ פאַררעטער,
בין איך, אַן אויסגעניכטערטער, צעריק געקומען,
און האָב די פּיס פון מיינע געטער
אַרומגענומען.

סאָנעט

ניט שרעק זיך וואָס דער אומעט מאַטערט דיך און ברענט,
און מיינט ניט, אומבאַגרייפלאַך זיינען דיינע ליידן . . .
דאָס וויל דער מענטש מיט גאָט אין דיר זיך ניט צעשיידן,
דאָס צייטיקט זיך אין דיר דיין ברוּיזנדער טאַלענט.

איך ווייס ניט, פריינט, צי זאָל איך טרויערן ווי דו,
צי פרייען זיך מיט דעם וואָס גאָט האָט דיך באַשאָנקען:
ווייל דורך די טיפסטע פריידן וועסט דו איינזאַם בלאָנקען,
אין שיינענדיקע טעג — אַ דאָרשטיקער נאָך רו.

און טראָגנדיק אויף זיך דעם צייכן פון גאָטס גאָב,
געבויגן ווערן שנעלער וועט דיין שטאָלצער קאָפּ,
און פאַר דער צייט צעקנייטשט וועט זיין דיין ריינער שטערן.

נאָר וואויל איז דיר! וועסט שטענדיק שעפּן פון דיין פּיין,
און אין דיין טיפן בליק וועט אָפּגלאַנצן דער שיין
פון אומפאַרשטענדלאַכע און אייביקע באַגערן . . .

* *
*

װען דער חושך װאָלט אין מיר נאָך פֿינסטערער געװאָרן,
אַז דער שטראַל פֿון אמת זאָל ניט דורכשניידן מיין נאַכט,
װאָלט ניט אױפֿגעפֿלאַמט אין מיר מיין איינגעצאַמטער צאָרן,
װאָלט פֿאַר מיר דער אומזין אפֿשר קיינמאָל ניט דערװאַכט.

װי אַ שטיין אַ זודיקער װאָס פֿאַלט אין טייך פֿון בלוט
װייט צעטראָגנדיק אין אַלע זייטען רויטע שפּריצן —
שװידערט אויף אַזוי אין מיר דער תהום, װאָס װאָלט גערוט,
װען דער אמת װאָלט מיין נאַכט ניט דורכשניידן מיט בליצן.

אַלטעגלאַך

שפּילט די עלטער מיט דער פרייד,
ווי די יוגנט מיט דעם טויט.
און דער נאַר פון אַלע צייטן,
שטעקט אַרויס אַ צונג פון ווייטן.
מתים טאַנצן, מתים זינגען,
און די חוזק־גלעקלאַך קלינגען . . .

מאָדנע

פריער, איצטער, שפּעטער,
אָן א סוף;
א געשאַנק פון געטער,
צי אַ שטראָף?

סנוילן, רגע'ם וויקלען,
ווייס און שוואַרץ;
אויגן — הימל־שפּיגלען
און אַ האַרץ.

שיינען און פאַרשווינדן,
חלום, וואָר;
און צעזאַמענבינדן
דור מיט דור.

שווער און אומפאַרשטענדלאַך,
מאָדנע־גרויס;
אייביקייט, אומענדלאַך —
ניט אַרויס.

מיט שמייכלען נאַריש־נישטיקע,
אַזוי ווי אייער סוף,
פאַרפייניקטע, פאַר׳משפט׳ע,
דערוואַרט איר אייער שטראָף.

מיט אויגן פּוסטע גלעזערנע,
מיט פּנים׳ער גרוי־געל, —
דערטרינקט איר דאָס געוועזענע
אין תהום פון אייער זעל.

און איך ווי איר, פאַרפאַלענע,
פאַרשטיי ניט זיך אַליין . . .
איך אויך מיט אייך, מיט אַלעמען,
וועל צו דער תליה גיין.

אוי, ניט אזוי די פּעדערן
ווי ס׳פייגלע אליין !
צום אָפּגרונט ציט דאָך יעדערן,
ווי צו דער ערד דעם שטיין.

נאָר זיי, די קלוגע, ראַנדיקע,
באַלויכטענע פון פּיין, —
זיי קוקן בלויז, פאַרשטאַנדיקע,
אין טיפעניש אַריין.

פון אומקומען געליטערטע,
געהייליקטע פון ראַנד,
אַנטלויפן זיי, דערוויטערטע,
געשיצט פון בורא׳ס האַנט.

פון זען דאָס אומבאַנומענע
ווערט זייער צער פאַרצערט ;
זיי פרייען, נייגעקומענע,
די אומעטיקע ערד.

אײד

איך

מיט פייערדיקע אויגן קוק איך אויף דער וועלט,
פארפלאָנטערט אין דער נעץ פון אייביקע באגערן;
דעם גרונט, וואו כ'האָב מיין פוס ניט וועלנדיק געשטעלט,
קאָן איך אליין ניט אונטערגראָבן און צעשטערן...
איך נער זיך פון דעם שטראָם, וואָס ברויזט אין מיר און קוועלט,
און וויים — איך וועל אין אים אליין דערטרונקען ווערן.

איך בין דער אָוונטדיקער סוד, וואָס שוועבט אויף גראָז;
איך בין דער אורקוואל פון דעם קומענדיקן לעבן;
און קאָן ניט אויסמיידן, צי אָפּוועגדן דעם כוס,
וואָס עמיצער האָט מיר פארבייגייענדיק געגעבן...
ניטאָ פאר מיר קיין צייט, קיין אָרט, קיין צאָם און מאָס,
און דאָך, מוז איך אליין פאר זיך תכריכים וועבן.

איך וויים ניט, וואָס איז ניי אין מיר און וואָס איז אלט,
איך פיל אין מיר איז אלץ צעזאמען אויסגעבונדן;
איך שמייכל צו א נייגעבאָרענעם געשטאלט,
און טראָג אין זיך דעם צער פון אלץ וואָס איז פארשוואונדן...
איך בין אליין דער בוים, וואָס וואקסט אין טיפן וואלד,
און בין אליין דער בליץ וואָס האָט אים אָנגעצונדן.

מיין אומרו

עס וואַכט אין מיר מיין גרויסער אומרו, וואַכט און וואַכט!
עס ברענט אין מיר אַ העליש פייער טאָג ווי נאַכט,
און ס׳צאַפּלט זיך מיין האַרץ אין זיינע ברייטע צונגען.
אַט האָבן מחנות פייגל זיך אין מיר צעזונגען,
אַט האָבן ווידער שדים זיך אין מיר צעלאַכט . . .
עס וואַכט אין מיר מיין גרויסער אומרו, וואַכט און וואַכט!

און ענג פאַר די געדאַנקען איז מיין מידער קאָפּ!
זיי הייבן מיך אַרויף, — און שליידערן אַראָפּ
אַהינטער יענעם לאַנד, וואו שוואַרצע שטיינער פאַלן;
אַט קומט דער ווינט און זיפט אין ים די זונען-שטראַלן,
און אַט, — און אומבאַוואוסטער כח שטעלט אים אָפּ . . .
און ענג פאַר די געדאַנקען איז מיין מידער קאָפּ!

רויט-פייערדיקע צייכנס ווינקען מיר פאַרשייט,
און שטילע קברים-בערגלאַך שטומען ביי דער זייט;
נאָר דאָרשטיק-אָפן זיינען שטענדיק מיינע אויגן!
אַט ווערט אַ שווערער נעפּל איבער זיי פאַרצויגן,
און אַט — באַמערקען זיי אַ שיין פאַר מיילן ווייט . . .
רויט-פייערדיקע צייכנס ווינקען מיר פאַרשייט!

אָפּגרונטען

איך עפן אויף די אָפּגרונדן און קוק אין זיי אריין;
און טרינק דאָס אומפאַרשטענדלאַכע ווי ברויזנדיקן וויין;
און זע ווי דאָרטן שפּיגלען זיך דער ניט זיין און דער זיין . . .

די טיף געהיימע טיפעניש פאַרציט מיך מער און מער . . .
פאַרשוואונדן ווערט און אָפּגעמעקט דער גרענעץ, דער באַגער;
צוזאַמען ווערן אויסגעמישט מיין שמייכל און מיין טרער.

ווער בין איך? — אין דער טיפעניש אַ פאַלנדיקער שטיין,
און באַלד נאָך מיר וועט אויך מיין שפּור פאַרשווינדן און פאַרגיין,
צי אַלע טיפע אָפּגרונדן באַשאַף איך זיך אַליין?

איך עפן אויף די אָפּגרונדן און קוק אין זיי אריין;
און טרינק דאָס אומפאַרשטענדלאַכע ווי שפּילעוודיקן וויין;
און זע ווי דאָרט פאַרשוואונדן ווערט פון מיר אַליין דער שיין...

צו די ווילדע גראָזן

קוקט אויף מיר ניט ווילדע גראָזן מיט די אויגן-בלומען!
וואונדערט זיך אויף מיר ניט וואָס איך בין צו אייך געקומען...
ליבע גראָזן, ווילדע גראָזן פון דעם גרינעם פעלד,
איך בין אויך אַ גראָז אַ ווילדער פון דער גרויסער וועלט;
איך בין אויך אַ גראָז אַ ווילדער — נאָר איך בלי ניט מער:
שטיינער, קאַלטע שטיינער האָבן צוגעדריקט מיך שווער!
צוגעשלאָסן ערד און הימל האָבן זיך פאַר מיר, —
דאָך בין איך אַ גראָז אַ ווילדער אויך אַזוי ווי איר!

קורץ איז אייער לעבן, גראָזן ווילדע, ניט געזייטע,
אָרעם זיינען אויך די קווייטן אייערע די רויטע, —
דאָך באַצירן זיי אין יוגנט אייער גרינעם קאָפּ,
ביז זיי פאַלן שטיל פאַרדאַרטע אויף דער ערד אַראָפּ.
נאָר די גרויסע פרייד פון בליען איז מיר ניט באַוואוסט!
רוען אויך איז ניט באַשערט מיר אויף דער מוטערס ברוסט;
בלויז דער צער פון לאַנגזאַם וועלקען איז פאַרבליבן מיר, —
דאָך בין איך אַ גראָז אַ ווילדער אויך אַזוי ווי איר!

וואַקסט איר, בליט איר, ווילדע גראָזן אונטער זון און רעגן;

אין די וועלדער, אויף די פעלדער, ביי די פרייע וועגן;
איר באצירט ניט קיינעם — נאָר איר וואַקסט פאַר זיך אַליין,
איינגעהילטע אין אַ שטילן אומעטיקן חן . . .
וואַקסט איר, בליט איר ביז עס שפּייזט אייך נאָר די גוטע ערד,
נאָר פאַר זיך אַליין צו וואַקסן איז מיר ניט באַשערט,
און די רו פון שטילן לעבן איז פאַרדעקט פון מיר —
דאָך בין איך אַ גראָז אַ ווילדער אויך אַזוי ווי איר!

יאוש

אומעטיק איז מיר און שווער . . .
און איך ווייס ניט וואָס;
נאָר איך קאָן ניט טרינקען מער
מיין פאַר׳סמ׳טן כוס.

שווער איז מיר מיין יעדער טראָט,
און מיין וואָרט אַ שטיין;
ערגעץ שפּינט זיך אויס אַ סוד,
וואָס כ׳וועל ניט פאַרשטיין.

אוי, מיין זון וועט ניט פאַרגיין
פלאַמענדיק און רויט! . . .
ווי אַ הענדלער — העסלאַך, קליין —
קומען וועט דער טויט.

אין געלאַך

איך לאַך און וויין,
איך וויין און לאַך . . .
דערווייל אין שרעק
פאַרשווינדן טעג
אַ סך, אַ סך . . .
אַ וועלט פאַרגייט . . .
און איך? איך וואַך,
וואו איז מיין פרייד?
מיין זון פאַרגייט,
מיין וועלט פאַרשוועכט,
און איך—דער קנעכט—דערוואַרט מיין פרייד
צו יעדער שעה . . .
מיין פרייד, מיין פרייד, וואָס איז נישטאָ...

אַ שטימונג

בין איך אויפן באַרג אַרויף
און דעם טאָל דערזען;
אוי, ווי אומעטיק איז מיר
אויפן באַרג געווען!

בין איך פון דעם באַרג אַראָפּ
ווידער אין דעם טאָל;
האָב איך פּלוצלונג אָנגעהויבן
וויינען אויפן קול . . .

פֿאַרלאַכט

פֿאַרלאַכט אין יאוש האָב איך מײַנע יונגע יאָרן
און איצטער לאַך איך אױס מײַן טרױעריקן הײַנט;
און אומװירדיק בין איך בײַ זיך אַלײן געװאָרן,
װי אומװירדיק איך בין בײַ אַלע מײַנע פֿרײַנט.

נאָר יעדער אײנער קאָן און מעג מיך איצטער טרעטן,
װײַל איך אַלײן מאַך חרוב װאָס איך האָב געבױט . . .
אין צװײפֿל האָב איך שױן דעם טױט אױף זיך געבעטן,
און בין דערנאָך אין שרעק אַנטלאָפֿן פֿון מײַן טױט.

מיד

מיד בין איך און איינגעשרומפּן;
אומעטום נאָר זומפּן, זומפּן . . .
מיט אַ טרויער-רויך באַצויגן
זיינען מיינע אויגן.

פרעמדע מערק און פרעמדע הויפען,
לייב פאַרקויפן, גייסט פאַרקויפן . . .
מיד בין איך און איינגעשרומפּן, —
זומפּן, זומפּן!

טריפן טעג און יאָרן שווימען,
לאַכט דער נאָר אויף טויזנט שטימען . . .
מיט אַ טרויער-רויך באַצויגן
זיינען מיינע אויגן.

ווי דער שוועבנדיקער חן
אין דעם שמייכל פון אַ קינד, —
איז מיין לעבן.

ווי דער אומעטיקער סוד
פון דעם אָוונטדיקן ווינט, —
איז מיין לעבן.

ווי דער שיינענדיקער שטויב
פון דעם ברענענדיקן פלאַם, —
איז מיין לעבן.

ווי דער בעטנדיקער רוף
פון די שיפן אויפן ים, —
איז מיין לעבן.

מיין וועלט

ווי אַ סאָוועס נאַכט-געשרייען
אויף אַ וועג —
סומנע, אימה׳דיק פאַרגייען
מיינע טעג.

און דער חושך קריכט פון האַרצן
ניט אַרויס;
כאָווע איך אַ ריז אַ שוואַרצן
אין מיין שויס . . .

פרעסט ער מיינע פלייש און ביינער
אין דער שטיל;
פילט ניט קיינער, ווייסט ניט קיינער
וואָס איך פיל.

נאָר אין נעכט אין וויסטע קלאָג איך
אויף מיין פרייד;
און מיין האַרץ אַנטקעגן טראָג איך
צו דעם טויט.

לויפט דער וואָלף

לויפט דער וואָלף געטראָפן פון אַ ווייטער קויל,
שפּאַרט ביי אים אַ רויטער הייסער שוים פון מויל.

וואָס אַנטלויפסט דו, וואָלף, און יאָגסט זיך אַזוי גיך?
אוי, דו טראָגסט דאָך שוין די קויל, דעם טויט אין זיך.

און צו וואָס באַפאַרבסט דו מיט דיין בלוט דעם שניי,
וואָלף, דו וואָלף! . . . נאָר אפשר בין איך אויך אַזוי? . . .

אַלץ העפטיקער און ברייטער ווערט דער פּאַס —
דער שוואַרצער שלייער פון מיין וועלט:
איך זע דעם האַס
אַהינטער פאַרהאַנגען פון צערטלאַכקייט פאַרשטעלט,
איך זע אין טויבן — שוואַרצע ראָבן . . .
און זע אַהינטער יעדן גייט
ד ע ר ג אָ ר נ י ש ט אין אַ חופּה־קלייד,
און פליסטערט אַ צעפרידענער: באַגראָבן.

איך שטיי ביים ראַנד,
ביים גרענעץ פון אַ ניט־אַנטדעקטן לאַנד,
וואָס רוט פאַרגליווערט פון סמאַל׳ס בליק.
אַ מידער שטרעק איך אויס פאַראויס מיין האַנט. —
נאָר עמיצער, אַ פרעמדער, שרייט אין מיר: צעריק!...

ווי אַ געשטאַלט אין שפּיגעל...

ווי אַ געשטאַלט אין שפּיגל שפּעט ביינאַכט,
האָט דורכגעשוועבט מיין וועלט: האַלב ווילד און האַלב-
פאַרטראַכט;
און שאָטנס ציען זיך, דער הימל נאַכטיק בלוי,
און מאָדנע, מאָדנע אומעטיק אַזוי . . .

מיין אָטעם-איינגעהאַלטענער געוויין . . .
און טויזנט פליטן זינגען אין מיין אויער: ניין!
און אין די בלוטן רוישן ימ'ען פול מיט שרעק:
ווי האַלט מען אויף די שעה וואָס גייט אוועק?

איך פיל,
אַז עפּעס ענדערט זיך אין מיר
און אין דער שטיל
אַן אַנדער א י ך שטייט אויף אין מיר.

פאַרגליווערט שטייען מויערן פון שרעק;
אין זיי — דער רויטער שטויב פון מיינע טעג,
אַהינטער זיי — מיין אומבאַשטימטער סוף,
וואָס ציט מיך ווי אַ מידן קינד צום שלאָף.

עס ברענט די וועלט!
און איך פאַרגיי
אין קעלט
און נעפּלדיקן וויי.

און אפשר זאָל איך גלויבן?
און אפשר דאַרף דאָס אַזוי זיין?
די לעצטע שעה פון שיין
מאַכט רייף די טרויבן,

און גאָלדיקער דעם וויין? . . .

און אפשר זאָל איך גלויבן:
מיין פּיין וועט מיך דערהויבן,
און מיט דעם קלאָרן בליק
פון אויסגעלייטערטן פאַרשטאַנד,
וועל איך דערזען די וואונדער פון דעם שעפערס האַנט,
און זען ווי ער טיילט אָפּ דעם צער פון גליק,
און שמייכלט שטיל
באַשטימענדיק דעם מענטשנס ציל? . . .

נאָר קאָן איך גלויבן, אַז איך וועל פאַרשטיין
די אומפאַרמיידלאַכקייט פון מיינע טעג?
פון איינזאַמקייט אַליין האַרטער ווערט דער שטיין
ביים וועג.

איך ווייס ניט . . . נאָר איך פיל,
אַז עפּעס ענדערט זיך אין מיר
און אין דער שטיל
אַ נייער א י ך שטייט אויף אין מיר.

אפשר

אפשר וועט דער ווינט דער בייזער
ברעננגען פרייד?
זאָל שוין קומען מיין דערלייזער,
איך בין גרייט!

אפשר וועלן אויפשטיין וועלטן
וואונדער-שיין,
ווען די ווערים וועלן שעלטן
מיין געביין?

אפשר וועלן זונען גליען
ליכטיק, רויט,
און עס וועט דאָס לעבן בליען
נאָך מיין טויט?

זאָל זיך שפינען, זאָל זיך וועבן
לעבנס-שיין . . .
מיר איז טייערער פון לעבן
דאָס ניט זיין.

פֿאַרבײַגײענדיק

ניט טעג, ניט וואָכן — לאַנגע יאָרן
האָב איך געזוכט דעם מיטלוועג;
און זוכנדיק האָב איך פֿאַרלאָרן
די שענסטע, שײַנענדיקע טעג.

דעם וועג האָב איך ניט אויסגעפֿונען;
נאָר צווישן חורבות, בלוט און רויך
האָב איך מײַן חלום בלויז געשפּונען,
געוואָרימט שטײנער מיט מײַן הויך.

אַלץ נידעריקער לאָזט זיך שוין די זון אַראָפּ
אויף מיין פאַרוואָגלטן און מידן קאָפּ ;
עס פליען שוין אין נעסט צוריק די טויבן ;
אַ שטערן צינדט זיך אָן פון אויבן —
און מיט געאײַלטע טריט קומט אָן די נאַכט.
אין חושך פון איר טראַכט
פאַרבאָרגן,
וועט ווידער אויפשיינען דער מאָרגן,
און ווידער וועט די זון אַרויס,
און וועט באַשיינען יעדן ווינקל פון מיין הויז,
און וועט באַלייכטן יעדן זעמדל בײַ מיין טיר,
און איך ? אוי וועלן וואָלט זיך מיר,
אַזוי ווי פון אַ בליץ אַ פולער שייער,
זאָל איך אַוועק מיט פלאַמען פייער
אין דער נאַכט.

מיינע זיילן וועלן ניט פאַלן,
מיינע זיילן זיינען שטאַרק;
וועלן זיי אין אויפגאַנג שטראַלן,
ווי אַ בנין אויף אַ באַרג.

דורות, וועלטן וועלן פאַרשווינדן
אין אַ דיקן שוואַרצן רויך...
מיינע זיילן וועלן זיך צינדן,
וועלן גליען אין דער הויך.

מיינע זיילן וועלן ניט פאַלן —
גאָט האָט זיי מיט מיר געבויט;
וועלן זיי שיינען, וועלן זיי שטראַלן
אין דעם חושך פון מיין טויט.

זאָל איך?

שווער אין טומל עלנד צו פאַרבלייבן,
זיין אַליין . . .
זאָל איך גיין ווי אַלע ברעקלאַך קלייבן,
זאָל איך גיין?

זאָל איך אויך אַזוי ווי זיי פאַרבלענדן
זיך אַליין,
און מיין גרויסן, גרויסן צער פאַרשווענדן
פאַר אַביין?

זע איך זיי פון ווייטן . . . אָט . . . זיי גייען —
גרויס און קליין.
זאָגט מיין האַרץ: דיך וועט קיין זאַך ניט פרייען . . .
בלייב אַליין!

פּאָלעמיש

א.

ווי קאָנען זיך פּיגמייען אָנזען קעגן ריזן!
איך האָב פאַר אייך מיין קראַפט ביז איצט נאָך ניט באַוויזן;
איר זייט פאַר מיר ווי ווערים און ווי שטויב פון גאַס,
צו נישטיק, צופּיל קליינלאַך זייט איר פאַר מיין האַס.

אויך איצטער בין איך בייז אויף אייך נאָך ניט געוואָרן:
איר, טמאים, ניט פאַרדינט האָט נאָך דערווייל מיין צאָרן,
און אייער גיפט האָט איר אומזיסט אויף מיר פאַרשווענדט, —
ווייל מיינע ליפּן שמייכלען ווען מיין ווייטיק ברענט.

ב.

פרעמדע שמחות צו באַשיינען,
אויף אַ פרעמדן אומגליק וויינען
און פאַרנעמען פרעמדן צער —
איז דער גורל פון אַ נאַר.

אומגיין אויף פאַרלאָזטע וועגן
און באַ קיינעם גאָרנישט פרעגן,
און ניט טראַכטן פון געפאַר —
איז דער גורל פון אַ נאַר.

קלוגע לייט, ס׳איז טאַקע ריכטיק!
נאָר פאַר מיר איז דאָס ניט וויכטיק
און איך שרעק זיך ניט דערפאַר:
מיר איז ליב צו זיין אַ נאַר.

ג.

ניין און ניין! איך גיב זיך נאָך דערווייל ניט אונטער,
צו דער ערד מיין קאָפּ וועל איך נאָך איצט ניט בויגן!
קוקן קעגן שטורם וועל איך וואַך און מונטער,
ניט פאַרשליסן וועל איך מיינע מידע אויגן.

זאָלן מיינע אויגן ברייטער זיין צעגומען,
שטיין זאָל די געפאַר געבלויזט פאַר מיינע בליקן:
אויב מיר איז באַשערט פון שטורם אומצעקומען —
וועל איך אויך אין זיך מיין לעצטן זיפץ דערשטיקן.

איך בין דרייסט געגוג, און בין געגוג דערמוטיגט
אויף מיין אונטערגאַנג אליין מיט שטאָלץ צו קוקן...
מעג אין מיר מיין האַרץ פון עלנד זיין פאַרבלוטיגט —
נאָר צו פרעמדע געצן וועל איך זיך ניט בוקן!

ניין און ניין! איך גיב זיך נאָך דערווייל ניט אונטער,
און מיין צער וועל איך אליין אויף זיך פאַרטראָגן.
קוקן קעגן שטורם וועל איך וואַך און מונטער,
ביז עס וועט פאַר מיר מיין לעצטע רגע שלאָגן.

ד

די פרייד וואָס זיי ווועט פרייען
וועט מיך פאַרטרייבן:
אוואו די בהמות גייען
וואָס קאָן פאַרבלייבן?

ה.

ניט מיינט אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט
און מיר געשענקט דעם חושך,
אַזויפיל פריידן האָב איך אָפט,
און פריידן טיפע, גרויסע . . .

אַזוינע ליכטיקע ווי זון
און ווי דער הימל בלויע,
נאָר זינגען קאָן איך ניט דערפון —
דער אומעט איז מיר נאָענט.

ו.

נאָך ניט אויסגעלעבט,
נאָך ניט אויסגעשעפּט.
נאָך ניט אויסגעשפּילט,
נאָך ניט איינגעשטילט.

רגע'ס בלענדיקע,
מיינע טייערע,
איך בין אייערער,
איך בין אייערער . . .

אָפּטמאָל טראַכט איך,
אַז דער וועג אויף וועלכן איך בין ניט געגאַנגען,
איז פאַר מיר געגרייט . . .
נאָר דער אומעט פון די שרעקלאַכע געדאַנקען
איז מיין פרייד.

העי, נאַראָנים!
ווי צו אייך, — איר קאָנט דאָך קיינמאָל ניט געניסן
פון דער טיפסטער פרייד! . . .
וואויל איז, אָבער, אייך: בלויז איינמאָל וועט איר וויסן
וואָס איז טויט . . .

זינגט דער אומעט אין מיין טראָט,
און דער צער אין מיינע אויגן:
אוי, ווי אומזיניק און שנעל,
איז דיין וועלט פאַרבייגעפלויגן.

נאָר עס לאַכט אין מיר דער שד:
דו האָסט ווייניק-וואָס פאַרלאָרן!
שטילער שלאָגט אַצינד דיין האַרץ, —
ביזט דאָך אָבער קלוג געוואָרן . . .

וויפיל מאָל . . .

וויפיל מאָל האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט:
ניט גיב זיך איבער דעם געפיל אינגאַנצן!
וויפיל מאָל האָב איך אויף זיך אַליין געקלאָגט,
און באַלד געגאַנגען פאַר דעם אָפּגאָט טאַנצן.

וויפיל מאָל האָב איך געלאַכט פון זיך אַליין,
און אָן רחמנות אויף מיין וויי געטראָטן;
וויפיל מאָל, מיט אַ באַהאַלטענעם געוויין,
האָב איך די דימענטן מיט אַש פאַרשאָטן . . .

וויפיל מאָל האָב איך, געוואַגטערהייט, מיין האַנט
געשטרעקט אין נעסט פון ברענענדיקע שלאַנגען;
וויפיל מאָל בין איך אין שיינענדיקן לאַנד,
מיט פרעמדן וויי אין האַרצן אומגעגאַנגען.

וויפיל מאָל, ווער ווייס, וועט מיך נאָך ווייטער אויך
דער שיין פון מינדעסטן געפיל באַצווינגען;
וויפיל מאָל, ווער ווייס, וועל איך באַגייסטערט, הויך
אַ לויב-געזאַנג צו נייע געצן זינגען . . .

עראָס

מיין נשמה און מיין גוף —
ביידע ווילד און רייצנד;
שטייען טיפּעניש אויף,
ווילן מיך פאַרפּלייצן.

זינק איך — אַט אין גרויסער פרייד,
אַט — אין שווערן אומעט;
אויסגעקניפּלט און פאַרדרייט
הייליגקייט און טומאה.

שטייגן פּאַליעס גרוי און שוואַרץ —
שטיי איך אינדערמיטן;
און איך טוליע צו מיין האַרץ
רויזן רויט צעבליטע. . .

עס טרעפט אַמאָל

עס טרעפט אַמאָל אַ ווילדער ווינט לויפט אָן אין שטאָט,
הייבט אויף דעם שטויב און איילט, און יאָגט, און קראַכט,
און ברעכט,
אַלץ וויגט זיך, בייגט זיך, רייסט זיך, טאַנצט און בראַזגעט צו...
אַ רגע — און פאַרביי . . . דער שטורם איז אַריבער.

אַזוי בין איך.

און טרעפט אַמאָל נאָך זונפאַרגאַנג אין פעלד;
די הימל־ראַנדן צערטלאַך וויאָלעט און גרין;
די וואָלקנס ווי פון קופּער רויט שיינענדיק;
די ווייטן בלוי און בלויער, שטיל און שטילער. . . שטילער. . .

אַזוי בין איך.

אַ תּפֿילה

אַזוי ווי דו באַשיצסט
די עלנטע, די שוואַכע און די שטילע —
באַשיץ מיך, גאָט.

אַזוי ווי דו באַשיצסט
די זינדיקע וואָס טוען צו דיר תּפֿילה —
באַשיץ מיך, גאָט.

אַזוי ווי דו באַשיצסט
די קאַליקעס, די בלינדע אויף די וועגן —
באַשיץ מיך, גאָט.

באַשיץ אונדז, גאָט,
באַשיץ אונדז אַלעמען פֿון דיינעטוועגן —
באַשיץ מיך, גאָט.

מיט אַלעמען

גיי איך צו דער נאַכט דורך לויטערע פרימאָרגנס
און דורך שיינענדיקע, זון־באַשפּינטע טעג;
נאָר איך האָב מיט זיך אַ גאַנצן דור באַגלייטער,
גיי איך . . . ניט איך אַמפּער זיך און ניט איך פרעג.

טרעט איך מיר פּאָראויס, באַהאַלטנדיק דעם פּחד,
ווי סאָלדאַטן אויף אַ וואַקלענדיקער בריק,
איינער, עלנד, טראַט און טראָט מיט לעגיאָנען,
און מיין שרעק דערקען איך אין אַ צווייטנס בליק . . .

אימפּרעסיעס

א

פול איז נאָך מיין האַרץ מיט שאָטנס פון די וועגן,
וועלכע האָבן מיך געבראַכט אַהער . . .

און דער אָטעם פון דעם גליענדיקן מדבר־זאַמד
שטילט די בענקעניש אין מיר.

איך פאַרנעם דעם צער פון שטיינער,
און דעם גליווערדיקן, קלאָרן אומעט
פון די קאַלטע בערג.

פון מיין שמייכל ווערט ניט ליכטיקער די זון . . .
מיינע זיפצןליידיקן מיין האַרץ ניט אויס.

ווייט בין איך . . .

מיינע נעצן שפּרייט איך אויף דער וועלט. . .
און דער טרויער, ווי אַ פּאַס אַ רויטער,
ציט זיך נאָך מיין טראָט . . .

ב

שווימען וואָלקנס,
קרייזלען זיך,
ווי א ווייטער רויך פאר מיינע אויגן.

און מיט טויזנט קלאַנגען
הילכט די שטילקייט
אין מיין בלוט.

אַלץ צעשווימט זיך . . .

אין דער לופטן, דוכט זיך, שוועבן
מאָרנע, שטילע פייגל,
ווי די פייגל אויף א יאפּאַנעזיש בילד.

פּוסט!
און אין מיטן פּוסטקייט —
איך . . .

ג

ווי אומעטיקע טויבן
פאַרוועלקען מיינע אויגן
אין שטילע נעכט.

מיין שיף שניידט דורך
די ווייגנדיקע וואסערן פון זילבער-אומעט.

און ס׳ווערט איר ווייס-באַשוימטער שפּור פאַרצויגן
אין סאַמעטענער שטילקייט.
און ערגעץ ווייט,
אַהינטער פאַרהאַנגען פון נעפּלדיקער גרויקייט —
א וועלט . . .

לאַמענט

ווי בלעטער אויפֿן ווינט,
אַז סדר זיינען מיינע טעג צעפֿלויגן . . .
און איך אַ שוואַך און הילפֿלאָז קינד,
קוק נאָך מיט ביינקנדיקע אויגן
ווי מיינע בלעטער טראָגט אַוועק דער ווינט . . .

דער חושך האָט מיין שיין צעפּרעסן, —
איין טרייסט איז איצטער פֿאַר מיר דאָ:
אין פּחד פֿון דער לעצטער שעה
ווערט אַלץ פֿאַרגעסן . . .

* *
*

ווי פון שטויב און מאָל צעפּרעסענע געוועבן
און ווי שערבלאַך פון די טייערסטע געפעס,
ליגן איצט פאַר מיר די שעה'ן פון מיין לעבן. . .
דאָך, — איך וואַרט נאָך אויף אַ נס.

טעג

טעג

א

ווי טויבן צעשראָקענע,
ווי פייגל ביים וועג,
צעפליען זיך די טעג . . .
פון וויסטעניש
און ווילדעניש
פליען זיי אַוועק.

ב

צינדן זיך אָן די קאַלטע הימלען,
צינדן זיך אָן.
ווערן מיר אָן אַ טאָג פון לעבן,
ווערן מיר אָן.

פליען אַוועק די טעג ווי טויבן,
פליען אַוועק.
בלייבט אויפן וועג אַ ווייסע פעדער,
בלייבט אויפן וועג.

טאָג נאָך טאָג

און אַט אַזוי־אָ איז אַריבער נאָך אַ טאָג,
אַן פרייד און אָן פאַרדראָס;
נאָר מאָדנע עפּעס: וואָס איך טראַכט און וואָס איך זאָג —
איז אַלץ ניט דאָס.

געטומלט זיך אַזוי: געפּילדערט און געלאַכט
מיט מענטשן אַלערליי . . .
און ווי איך האָב געפילט און וואָס איך האָב געטראַכט, —
אַלץ ניט אַזוי.

כ׳וועל דורכשלאָפן די נאַכט און מאָרגן ווידער גיין
אַזוי, אָן ציל, אָן וועג . . .
און קיינמאָל, קיינמאָל וועל איך ניט פאַרשטיין
דעם סוד פון מיינע טעג.

אין וועג

וועגן — שטיין, שווער דער טראָט,
לײדיקער די לאָגלען . . .
דאָרף נאָך דאָרף, שטאָט נאָך שטאָט,
וואָגלען מוזט דו, וואָגלען!

גיי פאַרביי, הער ניט צו
ווי די לײבן ברומען;
צו דײן ציל, צו דײן רו
קומען וועסט דו, קומען.

האַ, דו וויינסט? וויין ניט נאַר,
אין די מדבר שטויבן:
הערסט, מען לאַכט פון דײן צער,
קיינער וויל ניט גלויבן . . .

עקספּראָמט

א נייער יאָר, כאַ-כאַ!

כאַ-כאַ! . . .

פון אַלע גרעניצן, וואָס דו האָסט זיך געשטעלט,

איז דאָס דער איינציקער, אַ וועלט,

וואָס דו גייסט איבער פראַנק און פריי,

ניט מורא האָבנדיק דערביי

פאַר די זשאַנדאַרמען און דער גרעניץ-וואַך . . .

אַ מאָדנע זאַך! . . .

כאַ-כאַ,

כאַ-כאַ . . .

א

מיט אונדזער ווייטיק וועלן מיר זיך איצט ניט שעמען!
זאָל שטורעמען די וועלט אַזוי ווי אונדזער האַרץ!
און אויב נקמה קאָנען מיר פאַר זיך ניט נעמען,
דאַן זאָל פון אונדזער פלוך דער הימל ווערן שוואַרץ!

און אויב מיר מעגן נאָר די ליפּן מאַכטלאָז בייסן,
און האַלטן צוגעמאַכט, פאַרשלאָסן אונדזער מויל, —
איז ווען מיר וועלן קריעה נאָך די קדושים רייסן,
זאָל שוידערן די ערד פאַר אימה און פאַר גרויל!

און זיצנדיק פאַרצאַמטע אין די ענגע שטייגן,
דורך דורות לאַנג באַוואַכט פון האַס און טויטן-שרעק, —
דאָך וועלן מיר דעם גרויסן אומגליק ניט פאַרשווייגן,
דעם בלוטיק-רויטן אומגליק פון די שוואַרצע טעג!

ב

איך האָס אייך, בייזע וועלף, איך האָס אייך און איך שעלט!
איך האָס אייך אַלעמען, איר שטאַרקע פון דער וועלט.
פאַרשאָלטן זייט אויף אייביק, מערדעריש געזינד,
פאַר יעדן טראָפּן בלוט פון מיין געטויטן קינד!

עס האָט מיין שוואַרצער האַס צו אייך גאָר ניט קיין סוף,
אַזוי ווי ס׳האָט קיין מאָס, קיין גרעניץ ניט די שטראָף,
וואָס וועט אייך פּלוצלונג טרעפן ווי אַ ווייטע קויל
און וועט אַרויסרייסן די רויב פון אייער מויל.

מיין פלוך אויף אייך, איר פרומע, וועלכע זיפצן שווער
און לאָזן, רואיקע, אַרויס אַ קאַלטע טרער,
ווען יעדער בלינדער זעט און יעדער טויבער הערט
די שטראָמען הייסע בלוט וואָס שרייען פון דער ערד.

און פאַלן זאָל אויף אייך מיין צאָרן און מיין קלאָג,
זאָל פינסטער ווערן אייך דער שיינענדיקער טאָג,
פאַרשייטע, וואָס איר קוקט מיט מערדערישער מוט —
און לאָזט אונדז טרינקען זיך אין אונדזער אייגן בלוט.

ס׳איז אַ יום טוב אויף דער ערד:
אויגנלעכער, ווייסע בערד,
פרויען, קינדער — אַלע גלייך
טובל׳ען זיך אין רויטן טייך.
און פאַרשיכורט קליין און גרויס
שטרעקן האַלדז צום מעסער אויס.

טוימע קינדער, שטיל זאָל זיין!...
רויטע נעפּלען, רויטער שיין;
און אין רויטן טייך אַרום
שווימען בלויזע שווערדן אום
און זיי זינקן ניט... כאַ־כאַ,
ס׳איז אַ מאָדנער שפּיל אַזאַ.

זקנים, פרויען, — קליין און גרויס, —
שטרעקן האַלדז צום מעסער אויס...
אומבאַנעמליך! כאַ־כאַ־כאַ.
ס׳איז אַ מאָדנער שפּיל אַזאַ,
אַז דעם טריפה׳ן בלוט פון שווין,
שטילט נאָר בלוט פון נביא איין.

אַ חימנע

א יום טוב מאכט אויף אַלע מערק
און פייערן צינדט אָן אויף בערג,
ער קומט — אַ שטורעם אָן אַ צאם,
פון לאַנד צו לאַנד, פון ים צו ים. . .
זיין וואָרט שלאָגט פייער אויס פון שטיין:
ער קומט, ער קומט, שוין באַלד צו גיין.

ער גייט, ער גייט, איך הער זיין טראָט,
ער קומט ארויס פון גרויסער שטאָט,
מיט הונגער-פייער אין זיין בליק
און מיט אַ האַרץ וואָס גאַרט נאָך גליק.
אַזוי פיל דורות אַלץ געגאַרט,
אַזוי פיל דורות אַלץ געוואַרט.

איך הער זיין טראָט, ער גייט, ער גייט!
און הערצער צאַפּלען אויף פּאַר פרייד,
ער וועט באַפרייען האַר און קנעכט
און הייליקן וואָס איז פאַרשוועכט,
און משפּט׳ען מיט וואָרט און שווערד
וועט ער די רשעות פון דער ערד.

אייביקייט

וואַקסן גראָזן און פאַרוויאַנען,
לעבן אויף אין טוי;
קיינער ווייס ניט ביז'ן וואַנען
וועט דאָס זיין אַזוי.

אויפן פעלד אין גראָז, פאַרלאָרן,
ליגט אַן אַלטער שטיין;
וואָס ער טראַכט אַזוי פיל יאָרן
ווייס נאָר גאָט אַליין.

רוישן ווינטן אויף די ימ'ען,
יאָגן זיך צום ברעג . . .
איך וועל אויך זיך ניט פאַרזאַמען
צו לאַנג אויף מיין וועג.

יוען מענטשן וועלקן

עס בלאָזן ניט קיין ווינטן,
עס טרויערט ניט דער הימל
און נעפּלען שפּרייטן זיך ניט אויף דער ערד,
ווען מענטשן וועלקען.
נאָר עפּעס, עפּעס-וואָס
שוועבט אום אויף זייער פּנים,
און עפּעס, עפּעס-וואָס
קוקט קוים אַרוים פון זייער בליק,
וואָס טוט דערמאָנען אונדז
דעם אומעטיקן האַרבסט.

געבענטשטע טעג פון פרייד,
און לאַנגע שוואַרצע נעכט פון צער!
די וועלט פאַרשפּילן מיר אין אייער נעץ.
אין אייער שוים געבאָרן ווערן מיר
ווי שוואומען פון דער ערד.
מיר וואַקסן, צייטיקן זיך, פוילן
אין נעבלדיקע נעכט,
און זוניקע פרימאָרגנס

און רעגנדיקע טעג
ווי שוואומען אין דער נאַכט.

אַט גיט אַ בלאָז דער ווינט —
און בלעטער שיטן זיך,
און דרייען זיך, און טראָגן זיך,
און פאַלן אויף דער ערד.
אַט ווידער גיט אַ בלאָז דער ווינט —
און פון זיין צאַרטן הויך
באַצירן ווידער זיך די ביימער.
זיי בליען אויף און וועלקען
אין אייביקן געיעג
פון לעבן נאָך דעם טויט.

דער חן פון טויט און לעבן רוט
אויף מענטשלאַכע געזיכטער
ווען מענטשן וועלקען.
עס שוועבט אויף זיי דער סוד
פון קינדהייט און פון טויט.
און אין די ווינקלען פונ׳ם מויל
פאַרבאָרגן ליגט דער צער,
וואָס ציטערט אין געלעכטער
און אין די קלוגע, שטילע רייד
פון מענטשן ווען זיי וועלקען . . .

פון אַלבום

א

ווי רייך איז מיין לעבן ווען דו ביזט מיט מיר!
שאַ, הערסט דו? מען זיפצט דאָרט אהינטער דער טיר. . .

ווי גוט איז אונדזביידן צו זיין דאָ באַנאַנד!
שאַ. . . עלנדע וואָגלען אין וועג נאָכאַנאַנד. . .

ווי היים איז דיין אָטעם און ליכטיק דיין בליק, —
שאַ. . . וועלטן פארגייען אָן פרייד און אָן גליק.

ב

ווי זיבן זילבערנע זיגזאַגן
פון ווייטע בליצן אין דער נאַכט,
האָט מיך דיין בליק פאַרבלענדט!

דער אומעט פון די אַלטע זאַגן
האָט פון דאָס ניי אין מיר דערוואַכט,
ווען איך האָב דיך דערקענט.

ג

דיין אומעט — איז א ווייסע טויב
מיט פלאַטערדיקע פליגלען!
דיין שמייכל — איידל ווי דער שטויב
פון מיאַטליקס סאַמעטענע פליגלען;
ווי קאָן מיין זעל צו די פאַרבלייבן טויב,
און ווי זאָל איך מיין האַרץ פון דיר פאַרריגלען?

ד

אַט האָט אונדז גאָט א גוטע שעה געבראַכט!
ס'איז היימלאַך אונדז געווען אין דעם געררויש;
איך האָב די אויגן דיינע לאַנג באַטראַכט,
די אויגן דיינע — קאַרשען אין א קויש
מיט עפּל און מאָרעלן.

. . . .

און ס'האָט די פרייד געקוועלט פון אַלע שוועלן . . .

ה

איך האָב זיך צוגעהערט צו דיינע רייד,
נאָר ניט געהערט די ווערטער דיינע;
איך האָב געזען, די אויגן דיינע שיינען,
די טרויער-דורכגעוועבטע פרייד
באַלויכטן האָט די טיפענישן מיינע,

. . . .

און אין דעם פלאַם פון טויזנט פיינען
האָט זיך געטראָגן דער באַשייד.

ו

געווען דאָרט זיינען מענטשן פיל,
און דאָך — ניט מער ווי מיר באַנאַנד
אַהינטער אונדזער פייערדיקער וואַנט;
און אונדזער ליב, באַשיידן,
געבליט האָט אין דער שטיל;
און צווישן אַלעמען — נאָר מיר באַנאַנד
געווען זיינען אין דעם וואונדערלאַנד
פון אויסגעבייגקטער פרייד און העלע ליידן . . .

ז

געשטאַנען בין איך בא דעם פענסטער שטיל,
געבויגן ווי אַ בוים מיט פרות פיל באַלאָדן;
אַזוי ווי אויפן ים דער פייער-שפּיל,
האָט דער געדאַנק געפלאָנטערט ווילדע קאַראַהאָדען.

איך האָב געוואוסט: דיין טיר וועט זיין פאַרמאַכט,
דיין פענסטער-פאָרהאַנגל ניט אויפהייבן וועט קיינער;
נאָר ס'האָט מיין בענקשאַפט מיך צו דיר געבראַכט,
אַזוי ווי ס'ברענגט אַ הונט אַ פויגל אין די ציינער.

ח

צום מאָרגנשטערן זינגען דאָך אויך פייגל אין די שטייגן,
אַ שמייכל שיינט אַרויס אויך אויף דעם העסלאַכסטן געזיכט,
און ס'ציטערט העל און שעמעוודיק אין וואַלדשאָטן דאָס ליכט,
ווען ס'וועבט זיך דורך אַ שטראַל אין חושך פון די צווייגן.

און דו, ווען אין מיין וואַלד פון אומעט וועסט שוין מער ניט שיינען
און מיינע שעה'ן וועלן זיך צעקייקלען רואיק גלאַט,
פאַרבלייבן וועט אין מיר דיין אָנדענק, ווי דער אַראָמאַט
אין קעלער וואָס איז פול געווען אַמאָל מיט ווייַנען . . .

פון אַ בריוו

פאַרוואָס? ניט פרעג מיך, טייערע, איך קאָן דיר גאָרניט זאָגן;
ווייס דער געלער בלאַט, פאַרוואָס דער ווינט האָט אים פאַרטראָגן
און האָט אים צוגעטוליעט ערגעץ צו אַ פרעמדן צווייג?
און ווייס דען דער אַנטשטומטער אַלטער דראָזל אין זיין שטייג,
פאַר וואָס ער מוז אין זיך אַ לעבן-לאַנג זיין בענקשאַפט טראָגן?
פאַרוואָס? ניט פרעג מיך, טייערע, איך קאָן דיר גאָרניט זאָגן.

דו זאָגסט, אַז איצטער איז דאָס לעבן דיר שוין מער ניט טייער;
געוויס; וואָס טויג אַ ליידיק האַרץ? נאָר שולדיק איז דער פייער
אין דעם וואָס זילבער-פלאַטערלאַך פאַרברענט ער אין זיין שוים?
צי ווען אַ נאַקעט ריטל בלייבט נאָר איבער פון דער רויז,
איז שולדיק דען דער ווינט, דער אייביק-עלנדער און פרייער?
אָ יע, איך ווייס,—דיין לעבן איז דיר איצטער שוין ניט טייער...

באַשערט אַזוי: איין רגע פרייד פאַר לאַנגע יאָרן ליידן;
באַדויערסט וואָס דער צופאַל האָט צענויפגעפירט אונדז ביידן,
ווי גראָז פון ווינט, וואָס פאַלן הילפלאָז איינס צום צווייטן צו —
און בלייבן נאָכדעם ווידער פרעמד אַזוי ווי איך און דו . . .
דו זאָגסט מיין האַרץ האָט אָפּגעקילט און וויל צו דיר ניט ריידן,
באַשערט אַזוי! איין רגע פרייד פאַר לאַנגע יאָרן ליידן!

ערינערונג

אלס קינד פלעג איך מיר ליב האָבן אליין
מיט דעם באַוואַלדטן ברעג פון טייך צו גיין,
צו זען די בלויע בלימעלאַך מיט זונען-אויגן
וואָס פלעגן זיך צו מיר פון פייכטן גראָז פאַרנייגן:
פאַרגעס מיך ניט,
פאַרגעס מיך ניט . . .

און שפּעטער פיל מיט יאָרן,
ווען איך בין אין דער גרויסער שטאָט געווען פאַרלאָרן,
האָט מיך אַמאָל מיין עלנדקייט געבראַכט
אויף אַ בית עולם אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט;
ווי אומעטיק איז דאָרט געווען! אויף יעדן שטיין
געוויין,
אויף יעדן גראָז —
פאַרדראָס . . .
און בלויע בלימעלאַך: פאַרגעס מיך ניט,
פאַרגעס מיך ניט.

דאָס איז געווען אַלץ מיט יאָרן לאַנג צוריק . . .

נאָר נעכטן איז פאַר מיר אין בליק
פון דיינע בלויע אויגן,
מיין לעבן בליציק-שנעל פאַרבייגעפלויגן:
די קינדהייט-טעג,
דער טייך, די בלימעלאַך ביים ברעג,
פאַרנאַכט, מצבות, בלימעלאַך . . . פאַרגעס מיך ניט,
פאַרגעס מיך ניט . . .

אַ באַגעגעניש

מען קאָן ניט זען די שיינקייט פון די קווייטן
אין אָוונט שפּעט . . .
איך האָב זי היינט באַגעגנט מיט אַ צווייטן,
זי האָט צו מיר גערעדט . . .

איך האָב געוואוסט, אַז אַלץ איז שוין פאַרפאַלן,
איך האָב דערפילט . . .
אין פּוסטקייטן פון ניט-באַלעבטע זאַלן
האָט מיין נשמה זיך פאַרהילט.

ווער קאָן פאַרשטיין די שיינקייטן פון קווייטן
אין אָוונט-שיין ? . .
איך האָב זי היינט באַגעגנט מיט אַ צווייטן
און גאָט געבעטן זי זאָל גליקלאַך זיין.

צו אַ פרוי

ניין!
מיין הייסער אָטעם וועט דיין קערפּער ניט באַרירן
און איינזאַפּן דעם סם פון טויטלאַכע געפאַרן!
וועסט מיך אין דיין געצעלט, אַ מידן, ניט פאַרנאַרן,
און איבער מיר מיט דיין נצחון ניט שטאָלצירן.

איך ווייס:
דעם תהום באַדעקן שטראָמען דורכזיכטיקע, ריינע, —
דאָך קאָנען מיר זיין טיפן חושך ניט באַגרייפן:
דו וועסט ניט דורכלעכערן, יעל, מיינע שלייפן,
און אויף מיין טויטן קערפּער אָנווייזן דעם שונא!

אזוי איז דאָס

ווי אויף אַ בוים, שוין האַלב-צעשויבערט, אַרום וועלכן
זיינע בלעטער ליגן,
אַזוי האָסטו געקוקט אויף מיר, געשמייכלט ווי
פאַרלאָרן און געשוויגן;
מען זאָגט דער אמת שיינט, נאָר איך האָב ניט געקאָנט
זיין בלענדיקייט פאַרטראָגן. . .
נאָר וואָס האָב איך געקאָנט דיר זאָגן, האָב איך
דיר געהאַט דען וואָס צו זאָגן?
ניט דו ביזט שולדיג און ניט איך, וואָס איז אַזוי
אונדזביידן צוגעפאַלן, —
נאָר ווי איז דעם, וואָס שמייכלט אין דער ליידיקייט
פון שיינענדיקע זאַלן,
און ווי איז מיר, וואָס איך וועל קיינמאָל דאָך ניט קושען
דיינע גרינע אויגן,
און נאָך מער ווי איז מיר, וואָס פאַר מיין אומגליק וועל איך
זיך אַליין פאַרנויגן,
און שלום מאַכן מיט די קומענדיקע פּוסטע טעג...
און גרויע יאָרן,
און רואיק אָפּזיפצן אַמאָל אויף דאָס, וואָס כ׳האָב פאַרלאָרן. . .

אַ טאָג, אַ מענטש,
אַ פריינד, אַ נעכטן, —
דעם גוטן בענטש,
און בענטש דעם שלעכטן.

דו האָסט די פרייד
פון גאַנצן לעבן,
פאַר פאַלשע רייד
זיי אָפּגעגעבן.

און זיי — געלאַכט
פון דיר אַנטקעגן,
געזייט פאַראַכט
אויף דיינע וועגן.

נאָר — קאַרג ניט, גיב,
ווי היינט ווי נעכטן, —
דעם גוטן ליב
און ליב דעם שלעכטן . . .

. . . און זיי ניט קלוג,
ווען זאָגן וועט דיין האַרץ צו דיר: געווג.
די זעלבע האַנט,
וואָס האָט אריינגעטאָן אין דיר דעם שיין
פון אומפאַרשטענדלאַכן געפיל —
וועט שטיל,
אָן איבריקן פּיין,
אים אויסלעשן אין דיר . . . און זיי ניט קלוג,
ווען זאָגן וועט דיין האַרץ צו דיר: געווג!

איך האָב געזען: אין לויפנדיקן קוואַל,
אין קאַלטן,
האָט פאַרביק אָפּגעשפּיגלט זיך אַ שטראַל;
נאָר פּלוצלונג האָט די זון אין וואָלקן זיך באַהאַלטן,
פאַרשוואונדן. . .
ווי פריער האָט דער שטראָם געפּערלט זיך, געבונדן
און רוישיק אָנגעפירט דעם טראָפּנטאַנץ . . .
ווער ווייס? ער האָט דעם הימל נאָך געדאַנקט, קאָן זיין,
פאַר פריערדיקער רגע שיין . . .

און נאָך האָב איך געטראָפֿן :
מיט אויגן ברייט צעעפֿנטע, איז ווילד
אַ מאַן איבער די גאַסן אומגעלאָפֿן,
אין שוואַרצן פֿלאַם איז זיין געדאַנק געווען פֿאַרהילט ;
אַ בעטנדיקער שמייכל האָט צעקרימט זיין פּנים . . .
מיין צער און זיך אַליין האָב איך אין אים דערקענט ;
אַ טרער ווי הייסע בליי האָט מיך געברענט,
און מיינע ליפּן האָבן שטיל געפּליסטערט :
אוי, זיי ניט קלוג,
ווען זאָגן וועט דיין האַרץ : גענוג . . . .

שוואַרצע פייגל נאָגן,
קלאָגן
נאָך די טעג.

און די ווינטן טראָגן,
יאָגן
אויף מיין וועג.

זיפּצט דער מזל, טרויערט,
לויערט
נאָך מיין טראָט.

און דער טויט טוט וועקן,
שרעקן
מיט זיין סוד.

אומגעריכטע טרערן

קומען צו מיר הייסע טרערן
אין דער מיט׳ן נאַכט:
— טרערן, אומגעריכטע מיינע,
ווערהאָט אייך געבראַכט?

— האָסט געזען אין מוטערס אָרעם
אַ פּאַר׳חלוש׳ט קינד,
און געזען ווי גרינע צווייגן
ברעכט אַראָפּ דער ווינט.

האָסט געזען וואו רויטע פלעקן
אויפן ווייסן שניי,
און געהערט ווען אין דער שטילקייט
עמיצענס געשריי. . .

האָט דער דמיון אַלע בילדער
איצט פאַר דיר געבראַכט, —
זיינען מיר צו דיר געקומען
אין דער מיטן נאַכט. . . —

ניסן

איך בין אליין ארויס אין נעפלדיקער נאכט,
און אין דער פייכטער ווייסקייט איז מיין טראַט צעשוואומען;
פאַרשלייערט אין דעם נעפל האָט די ערד דערוואַכט
און האָט זיך מיט דעם הימל ענג אַרומגענומען.

געברויזט, געאירט האָט וואַסער אונטער אַלטן שניי
און אויסגעשנירלט זיך אין רוישיקע געוועבן.
און מיט אַ ווילדן טומל, מיט אַ פרייד-געשריי
האָט זיך דער טייך געעפנט צו אַ נייעם לעבן.

אין אַ האַרבסט טאָג

אוי, דער קאַלטער ווינט ער בלאָזט און בלאָזט,
דרויסן אזוי אַנגעכמורעט נאַס. . .
ווערן וועט נאָך צו דער נאַכט אַ פראָסט,
און די פלאַנצן מיינע שטייען אויף דער גאַס.

ווייס איך ניט: צי זאָל איך נאָך זיי גיין,
צי איך זאָל זיי לאָזן דרויסן שטיין, —
סיי ווי סיי, מען מיידט דעם טויט ניט אויס. . .
שפּעט צו פרי, וואָס מאַכט דאָס אויס?

טראַכטנדיק גיי איך אַרויס פון טיר,
טוט דער קאַלטער ווינט אַ בלאָז אויף מיר,
שמועז איך איין די הענט אין פייכטע קויט. . .
אָך, ווי העסלאַך איז דער טויט!

איז דאָס לעבן, צי דער טויט אַ ציל, —
קאָן איך איצטער טראַכטן ווי איך וויל:
מיינע פלאַנצן שטייען שוין אין הויז,
קוק איך מיר אויף זיי און לאַך מיין גוטסקייט אויס.

צום בלאַט

בלעטל־בלאַט,
בלעטל־בלאַט,
האַלטס זיך קוים
אויפֿן בוים.

בלעטל־בלאַט,
רויט ווי וויין,
ביזט שוין זאַט
פֿון דעם שיין.

ביזט שוין רויט,
בלעטל־בלאַט,
ביזט שוין טויט,
בלעטל־בלאַט.

מיר דערציילן שטיל די ווינטן
און אינמיטן נאכט די שטערן, —
אז דעם מזל׳ס וועג דעם בלינדן
קאָן מען קיינמאָל ניט דערקלערן,
קיינמאָל ניט דערקלערן.

און מיר זאָגט די זון אין זומער,
און אין הארבסט דער קאלטער רעגן, —
אז דער מעכטיקער, דער שטומער,
וועט בא אונדז קיין זאך ניט פרעגן,

נאָר מיר גייען און מיר שווייגן,
אויף דעם וועג פון אומבאוואוסטקייט
רוישן איבער אונדז די צווייגן
און עס הילכט די גרויע פוסטקייט.
און מיר גייען. . .

סאָנעט

דער ברענענדיקער פאָרהאַנג הייבט אָן פאַלן,
דער גרויער גאָרניט שלינגט די פלאַמען איין ;
נאָר פול בין איך מיט ברענענדיקן שיין,
מיט הייסן אומעט פון די לעצטע שטראַלן.

פון מיינע אויגן לייכט אַרויס דער קומער,
מיט גאָלד און אומעט איז מיין טראָט באַפאַרבט,
ווייל גאָלדיק איז דאָך אויך דער בלאַט, וואָס שטאַרבט
אין דעם פאַרבענקטן, רויטלאַכן סוף-זומער . . .

ניטאָ קיין הילף . . . עס מוז די זון פאַרגיין,
און אייביק וועלן אָן דעם האַרטן שטיין
די לויפנדיקע פאַליעס זיך צעשלאָגן.

די שיינקייט אין דעם אונטערגאַנג פאַרטרויט ;
און שטענדיק וועט דער שמייכלענדיקער טויט
זיך אויף די פליגלען פון דער שיינקייט טראָגן . . .

עטיוד

אַ הארבסט, צעשויבערטקייט און אומעט!
ווי ליב מיר זיינען דיינע טעג,
ווען די חלומות אין אַ שלומער
פארלעשן זיך אין האַלבן וועג.

אַ טעג מיט גרוי און גאָלד באוואקסן,
די ערד פארוועלקט אין אייער שיין!
און איך, אַ פרוש, איינגעַקשנ׳ט,
איך זינג און זינג נאָר פון מיין פיין . . .

וואָס גייט מיך אָן דער האַס וואָס פלאַקערט
אהינטער מיין פאַרמאַכטער טיר!
ווען ביימער הארבסטיקע, האַלב-נאַקעט,
אין אומעט נויגן זיך צו מיר.

ווי די אויגן פון וועלף

ווי די אויגן פון וועלף
ביידערנאַכט אויף אַ וועג, —
אַזוי לייכטן פאַר מיר
מיינע אייגענע טעג.

מיט אַ שיין פון דער ווייט
קומען אום, קומען אום
מיינע עלנדע טעג
אין דעם שניי־פעלד אַרום.

ווי די אויגן פון וועלף
ביידערנאַכט אין אַ וואַלד, —
גיט אַ בליץ מיר מיין וועלט
אַזוי שיינענדיק, קאַלט . . .

הייליקייטן פון מיין אומעט

הייליקייטן פון מיין אומעט,
שעהן פון דער נאכט!
ניין, איר זייט ניט אומגעקומען
אין דער גרויסער שלאכט.

שעהן מיינע טיף־פארקלערטע,
אייך האב איך פארהיט:
אין דעם רוישגעוועב פון ווערטער
פינקלט איר און גליט.

פארבן, קלאנגען, וועלטן שטומע
שווינגען אויף פארטראכט . . .
הייליקייטן פון מיין אומעט,
שעהן פון דער נאכט!

* *
*

ערגעץ טיף . . .
דאָרטן אין די תהומ׳ען
פון נשמה,
צווישן לעבנפּאַסן טויטע,
צווישן קנוילן בלינדע ווערים, גרויאיק-רויטע,
ברענט דיין פונק, אַ גאָט!
דיין פונק, וואָס איז אין מיר געפאַנגען . . .
און אַ! ווי לויטער צינדן זיך די ווידערקלאַנגען
פון דיין סוד! . . .

מינאָר

א

האָט אַ יונגער בוים צעבליט זיך ביי די קוואַלן
שטאָלץ געקוקט צום הימל מיט זיין גרינעם קאָפּ;
איז אַ בליץ פון הימל אויף דעם בוים געפאַלן, —
און די צווייגן זיינע קוקן איצט אראָפּ.

איבער זיבן ימען איז אַ שיף געשוואומען,
צו די ווייטע לענדער זוכנדיק דעם וועג.
איז אַ שטורם פּלוצלונג אויפן ים געקומען, —
און די שיף צעבראָכן ביים געגאַרטן ברעג . . .

ב

אַ שיף גייט דורך פאַרביי די זעגלען אָנגעצויגן;
אַ רגע וויגט זיך און שוימט אויף נאָך איר דער וואַל,
אַ רגע שפּיגלט זיך אין ווייסן שוים דער שטראַל,
און באַלד פאַרשווינדט דער שפּור, דער אָפּגרונט ווערט פאַרצויגן,
די שיף פאַרזינקט אין ווייטן אָוונטיקן פלאַם
און רואיק און געהיים ווי פריער, בלייבט דער ים.

ג

עס האָט אַ קלאַנג
געציטערט לאַנג, —
אַנטשוויגן.

ווער וועט מיין פּיין
אין שטילן שיין
פאַרוויגן?

ווער וועט פון וויי
דאָס שטום געשריי
דערהערן,

דעם צער פאַרשטיין,
פון אַ געוויין,
אָן טרערן?

ווער וועט די זינד,
פון שלעכטן קינד
פאַרגעבן,

מיט פרייד — דעם שרעק
פון שווערע טעג
פאַרוועבן?

נאָר אין דער הויך,
די שטערן אויך, —
פאַרגייען . . .

און ווער וועט זיי,
אין זייער וויי,
דערפרייען? . . .

* *
*

פארשעמטע שטייען מיר און קוקן אויף די טירן,
מיט יעדער רגע מחנות נייע קומען צו;
פון שווארצן שטיין און זילבער זיינען יענע טירן,
מען זאָגט — אהינטער זיי איז רו.

ווי קראנקע, בלייכע פערל—טרערן אויף די אויגן;
ווען עפנט מען? ביי וועמען פרעגן איז ניטאָ.
מען זאָגט, ס׳איז דאָ אַ שומר מיט פארמאכטע אויגן,
און קומען קומט ער צו דער לעצטער שעה.

אקארדן

א.

בלויז א שעה
ביזט דו דאָ —
ווערסט דו מיר
אין דער שעה.

בלויז א שעה
ביזט דו דאָ —
אויסגעברענט,
און ניטאָ . . .

ב

בום—בום—בום—
רופט דער גלאָק,
נאָך א טאָג —
קום . . .

ערגעץ-וואו,
אין דער ווייט

שטאַרבט די צייט —
רו . . .

ג

דער הימל קלאָר און בלוי,
דער שניי איז לאַנג צעגאַנגען;
מיט נעפּל פּוכיק-גרוי,
איז ווייך דער וואַלד באַהאַנגען.

און אַלץ אַרום בליט אויף —
נאָר איך וועל שוין ניט בליען . . .
פאַרנאַכט האָט אין מיין הויף
אַ שוואַרצע קראָ געשריען.

ד

וועלטן, וועלטן ליכטיק-ברייטע,
וועלטן פיל,
ליגן אין מיין האַרץ געטויטע,
רוען שטיל.

זון-חלומות ניט דערוועבטע,
העלע פרייד,
יונגע לעבנס ניט דערלעבטע, —
ליגן טויט . . .

ה

אַ שאָטן גייט
אין וועג אַליין —
אַ האַרץ אָן פרייד
איז קאַלט ווי שטיין.

אַ נאַכט איז שוואַרץ,
אָן שטערנשיין,

און קאָן אַ האַרץ
דען אַנדערש זיין ? . . .

ו

חוצפה׳דיק און הויך
זיינגען מיינע רייד,
נאָר מיין תפילה
פליסטערט שטילערהייט.

ווי דער ים-פויגל
אין שטורם-ווינט,
זוך איך אין די תהומ׳ען
און פאַרשווינד.

ז

און וועט דיך עמיצער וואָס פרעגן —
הער זיך צו ;
מיר זוכן אַלע אויף די וועגן,
זוכן רו.

און האָסט דו נאָך אַ טרייסט פאַרבאָרגן
ערגעץ-וואו,
דערציייל און לינדער אים די זאָרגן,
ער — איז דו . . .

ח

ליגן פוילן געלע בלעטער אויפן גראָז,
היט מיך אוים, באַשיצער, פון דעם כוס.

מענטשן זאָגן אַזוי איינפאַך : האַרבסט, באַשערט . . .
און די בלעטער — פוילן אויף דער ערד.

ט

באשערט! דער מזל האָט מיך איצט באַצוואונגען,
און פאַר דער צייט געקומען איז מיין צייט.
איך גיי אַוועק באַגלייט פון פרעמדע לייט
און בלייבן וועט מיין אומעט ניט דערזונגען.

אַזוי אין מיטן זומער-טאָג דעם העלן
פאַלט שטיל דער ערשטער בלאַט פון בוים אַראָפּ.
און אונטערטעניק בייג איך איין מיין קאָפּ,
נאָר טרערן פון די אויגן קוועלן, קוועלן . . .

י.

שאַ-שאַ, זיי שטיל,
און הער זיך צו! . . .
אַן אַלטע מיל,
זי בענקט נאָך רו . . .
זיי שטיל,
זיי שטיל . . .

יא

אַ שטערן פאַלט
אויף דר'ערד
פאַרקלערט,
און בלעטער פיל
טראָגט אום דער ווינד.
ניט וויין מיין קינד,
זיי שטיל,
זיי שטיל!

יב

דער רעגן גייט
און רעדט, און רעדט,
שוין שפּעט,
שוין צייט צו גיין . . .
ניט וויין,
ניט וויין.

יג

אַ גרינע רוה
אין פרישן וואַלד;
שאַ! ערגעץ וואו
אַ בלעטל פאַלט.

אַ בלעטל פאַלט,
איין בלאַט—ניט מער,"
שוין באַלד, שוין באַלד,—
גיב איך אַ קלער.

יד

מיין האַרץ, מיין האַרץ, דו האָסט מיך שווער געפאַנגען!
ניט שטענדיק שיינט די זומערדיקע זון. . .
און דו? דו ווילסט ניט וויסן גאָר דערפון,
און בייִנקסט נאָך דעם וואָס איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען.

מיין האַרץ, מיין האַרץ, דו ווילסט פון גאָר ניט וויסן.
פאַרנעמען ווילסטו ניט דעם אָוונט קלאַנג,
און לעבסט מיט דעם וואָס איז פאַרשוואונדן לאַנג. . .
מיין האַרץ, מיין האַרץ, דו ווערסט אין מיר צעריסן!

טו

צעריסענע, צעפלאַטערטע,
ווי פוך-בלימלאַך פון ווינט,
איר, יאָרן אויסגעמאַטערטע,
צעפליט איר זיך געשווינט.

און דו, אַ פרייד, פאַרשפּעטיגטע
און ליבשאַפט פאַרן טויט, —
ווי פעלדער ניט געזעטיגטע,
סוף-זומער צייט באַטויט.

טז

מיינע לידער! זייט איר ווערט די שעה׳ן לעבן
וואָס איך האָב אויף אייך אוועקגעגעבן? ז
זייט איר אַזוי הייליק, אַזוי טייער
ווי מיין האַרץ, וואָס האָט געברענט ווי פייער,
ווען איך האָב אין תהום פון ווייטיק אייך געפונען
און פון ווערטער-כאַאָס אויסגעשפונען? . . .

און מיין פרייד
וואַנדערט אויף דער וועלט.
וואַנדערט מיט די הירשן אויף די בערג,
שיינט אַראָפּ פון דעם פאַרדאַרטן בוים אין פעלד
און שמייכלט אויף די טומלדיקע מערק.

און מיין בענקשאַפט, מיינע בליקן
צו דעם וויטן הימל־ראַנד —
ציען זיך ווי ווייטע בריקן
אין אַ סודות׳דיקן לאַנד.

און איך ווייס —
איך וועל געפינען דעם באַשייד:
שטיל, פון אַלעמען דערווייטערט,
דורך די אומעטיקע טעג געלייטערט,
וועל איך איינשלאָפן אין אָוונט שטילערהייט,
ווי אַ מידער מיאַטליק אויף אַ קווייט . . .

דאַרף דאָס זיין אַזוי?

און ווי אַ וואָלקן איבער ברייטן פעלד
האָט זיך דער צער אין מיר געקליבן,
און האָט די פרייד פאַרטריבן
פון מיין פאַרגייענדיקער וועלט . . .
און ווי אַ קעלט,
וואָס אַטעמט אויף אַ בלום
און נעמט אַוועק פון איר
דעם פאַרב און דעם קאָליר,
אַזוי האָט זי אין מיר
מיין פיין געשפּרייט,
און האָט מיין האָפענונג געטויט . . .
און ווי אַ ווינטל, מילד און פריי,
וואָס טראָגט זיך דורך פאַרביי
אַ פענסטער פון אַ הויז,
און לעשט די ליכטער דאָרטן אויס,
האָט זיך פאַרלאָשן איצט מיין שיין.
און דאַרף דאָס אַזוי זיין? . . .

מיין הארץ,

מיין אָרים אויסגעלייטערט הארץ!
פאַרבליבן איז אין דיר,
דאָס גאָלד פון זונענשיין —
נאָר ווי, אָן שימער, אָן קאָליר . . .
אליין, אליין אַ גאַנצן לעבן וועסט דו זיין,
און ווי אַ געלער בלאַט אין שיין,
וועסט דו פאַרבלייבן אויף דעם הוילן צווייג.
ביז קומען וועט דער ווינט
און וועט דיך בלינד
צום הימל טאָן אַ הייב,
און באַלד צעטראָגן דיך אין שטויב,
צעטראָגן אין דער וועלט אריין . . .
און דאַרף דאָס אזוי זיין? . . .

ס׳פלעגט דוד תפילה טאָן מיט טרערן:
„לאָז ווייסן מיר דעם טאָג פון טויט".
נאָר גאָט האָט ניט געוואָלט אים הערן,
און האָט דעם סוד אים ניט פארטרויט.—

און דוכט מיר, אז די זעלבע תפילה,
דעם זעלבן פיינלאכן געבעט, —
הער איך אמאָל אין שעה'ן שטילע
פון יעדן שטויב, וואָס מען צעטרעט.

אומעט, אומעט, אומעט,
אומעט אומעטום.
אומעטיקע בלומען
עפענען זיך שטום;
מאָדנע פייגל קומען,
פלאַטערן ארום.

אומעט, אומעט, אומעט,
אומעט אומעטום.
פאַרביקייטן שטומע
פאַלן, קומען אום;
ערשט געווען—צעשוואומען . . .
ווייסלאַך-בלוי ארום.

אומעט, אומעט, אומעט,
אומעט אומעטום.

* *
*

צו זעטיקן דאָס גרינע גראָז, איז ליב דעם טוי אַליין ;
נאָר ווי און ווי איז יענעם טוי, וואָס פאַלט אויף קאַלטן שטיין...
איז דיין געפיל פון הייסן האַרץ, ניט אַלעמען פאַרטרוי, —
אויף שטיינער קאַלטע, טרוקענע, ניט פאַלן זאָל דיין טוי ;
דען ווי אַ ברייטע וויסטעניש, וואָס איז מיט זאַלץ פאַרזייט,
פאַרבלייבט אַ האַרץ אָן מיטגעפיל אויף אייביק ניט דערפרייט ;
עס טראָגט זיך דורך נאָר ווען ניט ווען אַ טרוקן הייסער ווינט...
מיט דיין געפיל פון יונגען האַרץ זיי פאָרזיכטיק, מיין קינד.

צו אַ בוים

אומעטיקער בוים דו מיינער
אויפן הויף אַנטקעגן!
בענקסט ווי איך אין טעג פון שיינען
נאָך אַ ווינט און רעגן?
אוי, די גינגאָלד-בלעטער דיינע
גילדן ניט די וועגן! . . .
אומעטיקער בוים דו מיינער,
אומעטיקער מיינער!

זע, אין קלאָרע טעג פון זומער
זיצן אויף דיר קראָען,
ווי די שאָטנס פון מיין אומעט
אין די העלע שעה'ן;
ווייסט דו, ווייסט דו, אַז זיי קומען
אָנזאָגן און דראָען?
אומעטיקער בוים דו מיינער,
אומעטיקער מיינער.

פּערזן

ניט אין די גרויע טעג פון הארבסט,
ווען יעדער ווינט זאָגט אָן דעם גראָז: דו שטאַרבסט . . .
נאָר אין די זומערדיקע טעג פון שיין
איז גרויס מיין פּיין.

ווי קאָן מען ווי אַ בייזער נביא מוסר זאָגן,
און אָנווייזן אויף ריכטיק מענטשן זייער וועג . . .
צי קומען מיט דער בשורה, אַז ס׳הייבט אָן צו טאָגן,
אין הארצן פילנדיק, אַז אייביק איז דער שרעק?

אַ וועלט מיט שוואַכע, הילפלאָזיקע קינדער:
אַט שלאָגט מען זיך, אַט וויינט מען שטילערהייט;
און גיט אַ צי אַ ווינטעלע אַ לינדער,
צעבליט זיך אַזוי שיין די ניט-געגאַרטע פרייד.

ווי אומעטיק עס איז!

אין אָוונט שפּילט דער פּאַסטוך אויף זיין האָרן,
און רואיק גייען זיך אַהיים די שאָף פון פעלד . . .
און מיר? מיט אימה ווערן מיר געבאָרן
און גייען מיט אַן אימה פון דער וועלט.

*   *
*

אין ימ׳ען דו, וואָס שפּרייטן זיך אין מיר,
פאַרזינקען מיינע רוישנדיקע טרוימען;
ווי פייגל אין די אָוונטיקע רוימען,
דערהויבן פלאַטערט מיין געדאַנק אין מיר.

און פון דער ווייטנס זעט מיין אויג פאַרקלערט
דעם גרעניץ וואָס מען קאָן שוין ניט אַריבער . . .
און אומעטיקער ווערן מיר און ליבער
די שוועבנדיקע שאָטנס פון דער ערד.

אין דער וועלט אַריין

פאַנטאַזיע

שטייט אַ מכשפה אויפן וויסטן פעלד,
און זי האַלט אין האַנט דעם שאַרבן פון דער וועלט.
האַלט אין האַנט דעם שאַרבן, קוקט אויף אים און לאַכט
מיט דעם נאַרישן געלעכטער פון דער נאַכט.

לאַכט די מכשפה — לאַכט דער שאַרבן אויך,
שעלט זי — שלאָגט אַרויס פון טויטן מויל אַ רויך,
קוקט זי אין די אויגנ-לעכער טיף אַריין —
צינדט זיך אָן אין זיי אַ ברענענדיקער שיין.

גיט זי, צאָרנדיק, אַ בייזן שפּיי אויף זיי,
נעמען דאָרטן קריכן שלאַנגען אַלערליי.
שלאָגט זי מיט דעם שטעקן אָן דעם טויטן ביין,
פּלאַצט אַרויס גלייך טויזנטשטימיק אַ געוויין.

ווערט זי אויפגעשווידערט אין אַ ווילדן שרעק,
וויל דעם שראַבן וואַרפן — און אַליין אַוועק,

גיט דער שארבן פון איר האנט זיך ניט א ריר. . .
זי דערזעט : די וועלט איז צוגעשמיט צו איר.

ווייל זי מיט דעם שארבן לויפן ערגעץ וואו,
וואקסן אירע פיס צום ווייסטן באָדן צו.
שטייט אַן אַלטע מכשפה אויפן פעלד,
און זי האַלט אין האנט דעם שארבן פון דער וועלט. . .

א ליד

גארבן, גארבן,
ווער וועט ארבן
מיינע גארבן
נאָך מיין טויט?
— קינד און קייט.

און די קווייטן
פון די בייטן
קווייטן, קווייטן
צונטער-רויט?
— קינד און קייט.

וועמען פרייען
מיינע ווייען,
וועמען פרייען
וועט מיין טויט?
— קינד און קייט.

שפע

גייט אַ יונגערמאַן אין פעלד;
ליכטיק איז פאַר אים די וועלט,
שטראַלט די פרייד פון אים אַרויס,
זינגט ער זיך אַ לידל אויס:

— וויפיל ערד מיט ברויט פאַרזייט,
וויפיל זאַטקייט, וויפיל פרייד!

— בלוי ווי הימל בליט דער ליין,
קינדער העמדלאַך אין שיין.

— וואַקסט אַ שטיין פון דר'ערד אַרויס,
פאַר אַ טרעפּ בײַ מיר צום הויז.

גייט אַן אַלטער מאַן אין פעלד,
אויסגעלאָשן איז זיין וועלט;
זומער, ליכטיק — אים איז קיל. . .
מורמלט ער זיך אין דער שטיל:

— פון דעם בליענדיקן ליין,
ווען פאַר מיר תכריכים זיין.

— און דער גרויסער, שווערער שטיין,
ווען באַ מיר צעקאָפּנס שטיין.

— צייטיקט זיך אַרום דאָס ברויט,
פאַר אַ מאָלצייט נאָך מיין טויט. . .

די באָבע טאַנצט

שטייען אַלע מיידלאַך אין אַ ראָד,
ווילן פירן דאָרט אַ קאַראַהאָד,
קומט די אַלטע באָבע, ווייזט זיי אָן,
ווי אַזוי צו אָנהייבן דעם קאָן:
„נעמט זיך מיידלאַך אַלע פאַר די הענט,
נאָר ניט שאַרט זיך האַרט אַרום די ווענט,
פלינקער, שנעלער, טרעט ניט אַזוי קרום!
איצטער גייט אַליין אַזוי אַרום. . .“
הייבט זיך אויף באַ זיי דאָרט אַ געשריי:
„באָבע, דוכט זיך, עפּעס ניט אַזוי!
ווייז אַליין אונדז ווי געטאַנצט האָסטו“. . .
בעט די באָבע — לאָזט מיך שוין צורו . . .
ווערט עס פון די מיידלאַך דאָרט אַ קאָך,
ווערט די באָבע בייז — און גיט זיי נאָך.

טאַנצט אַ טאַנץ די אַלטע באָבע, טאַנצט אַ טאַנץ,
וואַכט פאַר איר די יוגנט אויף אין פולן גלאַנץ.
קרעפטן נייע האָט זי איצט אין זיך דערפילט,
און איר בלוט איר אָפּגעקילט האָט זיך צעשפּילט;

גאָר אַן אַנדער פייער אין די אויגען ברענט,
און דער גוטער באָבען קוים וואָס מען דערקענט!
זעט, איר גע׳ל געזיכט ווערט יונגטלאַך און רויט!
ווייט אַהינטער טוליעט זיך פאַרשעמט דער טויט . . .
טאַנצט אַ טאַנץ די אַלטע באָבע, טאַנצט אַ טאַנץ,
וואַכט פאַר איר די יוגנט אויף אין פולן גלאַנץ.

קוקן אַלע זיך פאַרוואונדערט אָן
און מען ווייס אַליין ניט וואָס צו טאָן;
אַלע פילן זיך אַזוי פאַרשעמט:
עפּעס איז די באָבע איצטער פרעמד,
עפּעס איז די באָבע, דוכט זיך, יונג,
עפּעס האָט איר שטים אַן אַנדער קלונג. . .
שאַ! די באָבע בלייבט אינמיטן שטיין,
מורמלט וואָס — און שמייכלט צו אַליין.
טוען אַלע זיך צו איר אַ לאָז —
ווייזט זי מיטן פינגער בא דער נאָז. . .
שמייכלען אַלע איינגעהאַלטן, שטיל,
זאָל די באָבע זאָגן, וואָס זי וויל.
נאָר די באָבע האַלט דאָס מויל פאַרמאַכט;
ווער קאָן וויסן, וואָס די באָבע טראַכט? . . .

אַלט־אידישער מאָטיוו

איז אַ בעטלער צו אַן עושר׳ס הויז געקומען
און דער עושר איז געזעסן לעבן הויז.
— גיט מיר, גוטע מענשן, אַ נדבה,
כאַטש די ברעקלאַך ברויט פון אייער טיש...

— בלייבן איבער ברעקלאַך פון מיין טיש,
גיב איך זיי אַוועק די פייגל אין מיין גאָרטן,
עסן זיי דאָך ווייניקער פון מיינע פּרות,
גיי זיך, אַלטער, גיי זיך, אין דיין וועג.

און ביים פענסטער איז דעם עושר׳ס ווייב געזעסן.
— גיט מיר עפּעס, גוטע מענשן, אַ נדבה...
— קומט אריין, רב איד, זייט מוחל, קומט אריין,
זעצט זיך צו, רוט אָפּ, בייסט צו אביסל.

און זי האָט פאַר אים צום טיש געגרייט,
גירשט זי זעט אַ גרויסע ליכטיקייט אין חדר;
— זאָגט מיר נאָר, רב איד, איך בעט אייך,
שיינט דאָס די לבנה אויפ׳ן הימל?

— ניין, דאָס שיינט ניט די לבנה אויפ׳ן הימל,
נאָר דאָס שיינט דיין ליכטיגע נשמה,
און דאָס שיינען דיינע גוטע מעשים,
און דאָס שיינט די צדקה, וואָס דו האָסט געגעבן.

— זאָגט מיר נאָר, רב איד, איך בעט אייך,
אפשר זייט איר טאַקע אליהו?
— שרעק זיך ניט, דו גוטע פרוי, ניט שרעק זיך,
אליהו הנביא שטייט דאָ איצט פאַר דיר.

האָט זי אָנגעהויבן זייער שטאַרק צו וויינען . . .
כ׳האָב אויף דיר געוואַרט מיין גאַנצן לעבן,
אַז דו זאָלסט מיך בענשן מיט אַ קינד,
און מיין נאָמען זאָל פאַרבלייבן אויף דער ערד.

— דיינע קינדער וואָלטן זיין רשעים,
ווי דיין מאַן, וואָס וועט זיך מאַטערן אין גיהנום;
איצטער קום מיט מיר, מען וואַרט אויף דיר אין הימל,
קום און בעט דאָרט רחמים פאַר דיין מאַן.

האָט די פרוי אים אָפּגעדאַנקט פאַר די שליחות,
און געלויבט דעם הימל פאַר דעם חסד,
און האָט באַלד געזאָגט צו אים: איך גיי,
און איר מאַן אין שטוב אַריינגערופן.

ווען דער עושר איז אין שטוב אַריינגעקומען,
האָט ער שוין דעם בעטלער ניט דערזען;
אויף דער ערד געלעגן איז זיין ווייב אַ טויטע,
און פון פענסטער איז אַ טויב אַרויסגעפלויגן.

מיסטעריעס

א

און ווען דו זעסט פאראייניגט זיינען מאַן און ווייב,
באַטראַכט — און גלויבן וועסט דו ניט דעם גרויסן וואונדער:
אַן אומבאַוואוסטע קראַפט באַהעפט האָט זייער לייב,
נאָר יעדער איינער בענקט און טראָגט זיין צער באַזונדער.

און האָסטו ווען געזען אַן אַלט-געבויטע וואנד,
וואָס איז פון שווערע שטיינער און פון ליים געמויערט?
זיי קונציג האָט באַהעפט אַן אומבאַוואוסטע האנד,
נאָר יעדער שטיין באַזונדער יעדעס זעמדל טרויערט.

ב.

און ווען דו מיינסט, דיך האָט דיין מזל אויסגעלאָזן,
און האָט אַן אנדערן אוועקגעשענקט דיין גאָב,
באַטראַכט דעם בוים: אויף אים די זעלבע ווינטן בלאָזן,
און דאָך ניט אַלע בלעטער פאַלן גלייך אַראָפּ.

און האָסטו ווען באַקלערט דעם גורל פון די בלומען?
מיר ברענגען זיי דאָך טויט געניסנדיג פון זיי...
ניט קלאָג זיך, וואָס פאַר פרעמדע ווערט דיין גייסט צעשוואומען,
וואָס אַנדערע געניסן פון דיין טיפן וויי. . .

מאָעסטראָ, מאָעסטראָ,
דיין וואָרט איז קלאָר און ריין;
אין שיינק אריין, מאָעסטראָ,
מער קומסטו ניט צעגיין!

מאָעסטראָ, מאָעסטראָ,
אין גרוימען קאַבינעט;
אַמאָל ביסטו, מאָעסטראָ,
געוועזן אַ פּאָעט!

מאָעסטראָ, מאָעסטראָ,
אַוואו איצט דיין פרייד?
פאַרזונקען, מאָעסטראָ,
אין דיינע קלוגע רייד!

די הייליקייט אין אונזער צייט איז אפּגעשטאָרבן;
דער זנות — אין מלך׳ס פּאַלאַץ און אין שקלאַפּס געצעלט,
ס׳האָט יעדע לייב שוין אויף דער ערד זיין וועג פאַרדאָרבן
און ווידער וועט א מבול קומען אויף דער וועלט.

און ווי א זונה פרעך איז דער געדאַנק אין מח,
די טעמפּע תאווה ווי בא אנגעשפּייזטע פערד ...
נאָר ערגעץ , ערגעץ לעבט שוין צווישן אונז א נח,
און ער באַפרוכפּערן וועט פון דאָס ניי די ערד.

און ווידער וועט די זינד צוריק פון מענשן קומען,
און נייע דורות וועלן אומקומען אין פּיין,
באַצאָלנדיק מיט לעבנס פאַר דעם צדיק׳ס זיין.

אַן אָפּגעהאַקטער קאָפּ איז אויפ׳ן טייך געשוואומען;
דעם תנאי׳ס ווארט געווען איז וואונדערליך און קלאָר:
עס רינגלט זיך אַזוי די זינד פון דור צו דור.

* *
*

באקליידסט דיין ליכטיקייט אין שווארצן
און אין די סמ׳ען זוכסט דו פרייד, —
מיין חבר, מיט דער שלאנג אין הארצן,
ניטאָ צום חלום קיין באַשייד! ...

אזויפיל פארב אין רעגנבויגן, —
און טוליעסט שאָטנס אין דיין שוים! ...
א פויגל איז פארבייגעפלויגן,
אַ יעגער איז נאָך אים ארוים . . .

אומעטיק איז היינט טשאַנג-לי.
ער האָט היינט צום ערשטן מאָל
טשי-פּאַ-יו פון נאָענטן געזען;
ווי אַ דינער גראָז פון פייער אָטעם,
האָט די שיינע טשי-פּאַ-יו
שטיל דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן פון זיין בליק,
און מיט קליינע טריט פון אים אוועק.
און ביים וואַסער זיצט טשאַנג-לי און בייִנקט.

אומעטיק איז היינט טשאַנג-לי.
ער האָט איינגעוועבט זיין פרייד
אין די פייערדיקע קווייטן
פון די זיידנשטיקער,
וואָס ער האָט דורך לאַנגע טעג געוועבט
פאַר דער שיינער טשי-פּאַ-יו.
גאַנגען קלינגען היינט אין גאַס,
וואו עס וואוינט די שיינע טשי-פּאַ-יו!...
חתונה-לאַמטערנעס
ברענען פאַרביקע ארום איר הויז...

און אַ שוואַרצער פֿייער
ברענט אין האַרצן פֿון טשאַנג-לי.

אומעטיק איז היינט טשאַנג-לי.
אַלץ האָט ער פֿאַרקויפֿט,
אַלץ האָט ער אַוועקגעגעבן פֿאַר דעם רויך.
וואָס פֿאַרוויגט אים אין די אָרעמס
פֿון דער שיינער טשי-פֿאַ-יו.
גייט ער אום, אַ שאַרבן, דורך די נעכט,
און אין זיינע מידע, וועלקענדיקע אויגן,
און אַרום די ווינקלען
פֿון זיין אָפּגעבליטן מויל
ציטערט דער באַגער, די בייַנקעניש נאָך רויך.

בודא

קלוגע זיינען די כינעזער!
זייער בודא, אויסגעהאקט פון שטיין,
היט דעם סוד פון רו און חכמה
אין זיין ברייטער אומבאוועגליכקייט.

זיינע אויגן — קוקן נאָר אַראָפּ ...
און זיין קוים באמערקבארער און קלוגער שמייכל
ווערט פארלאָרן אין דער רוהיקייט
פון זיין דיקן, רונדן, עלטערלאָזן פנים.

קלוגע זיינען די כינעזער! ...

PUBLIC LIBRARY
FALL RIVER, MASS.

פֿון אימפּרעסיע וועגן כינעזער

שווייגן די כינעזער
אומבאַוועגליכע ווי זייער גאָט,
רייכרנדיק
שעה׳נווייז די לאַנגע גלייכע ליולקע.

קלוגע — טראָגן זיי אויף זיך דעם יחוס
פֿון די עלטסטע דורות;
רוהיגע— פֿאַרבאָרגן זיי אין זיך
פֿייערדיגע תאוה, שיכור׳ן געַנוס
און דעם העכסטן תענוג פֿון יסורים.

פּנים׳ער — פֿאַרשלאָסענע,
רייד —
קייקלענדיקע פֿאַלנדיקע שטיינדלאַך,
אויגן — פֿייערן פֿאַרדעקטע.

צייטיגן זיך קירבעסן
אויפ׳ן זון, —
עלטערן זיך מענשן
אויף דער ערד.

אויף דער שטילקייט,
פרומקייט
און באַשיידנקייט
פון כינעזישע פיגורן
רוהט מיין אויג זיך אָפּ.

דורות רו און חכמה
פון זיין אַלטן פאָלק און לאַנד,
האָט דער קינסטלער איינגעקנאָטן אין פיגור,
וואָס באַצירט אַצינד מיין טיש.

טאָג נאָך טאָג האָט ער אריינגעטאָן זיין לעבן
אין דעם רוהיג-שמייכלענדיקן יאוש,
אין דעם צער פון אומפארמיידליכקייט
פון דער אייביג בענקענדער פיגור...

פאר אַ הויפן רייז,
פאַר אביסל פירות, פיש,
אָדער פאר אַ שטיקל זייד-געוועב

האָט דער שעפער אויפֿן מאַרק זיין האַרץ פאַרקויפט
צו אַ מענשן װעמענס אויג עס האָט געזען,
װעמענס האַרץ עס האָט געפֿילט...

נאָר פאָר אײנציקע
לעבט די שײנקייט: —
און דעריבער
װעט זי אײביג לעבן!

שײנקײט!
װיפֿיל טויזנטער בינעזער,
טראָגנדיק אין זיך דעם פֿונק פֿון גאָט,
האָבן אירע פּאַלאַצן באַטראָטן, —
ביז דער אײנציגער
האָט די סודות
פֿון איר גרױסער אײנפֿאַכקײט דערגרייכט.

אָן אַ נאָמען,
װי די רײנע קװאַלן פֿון די בערג,
טראָגט זיך אום די שײנקײט אויף דער װעלט.

בודא איז אַהיים געפֿאָרן . . .

בודא איז אַהיים געפֿאָרן,
ווייל זיין ווייב האָט געבאָרן אַ קינד;
פֿון דער וויסטעניש געפֿאָרן,
בלויז אַ קוק טאָן זיין איינציגן קינד.

פֿאָרט ער מיט זיין אייזל טרייבער,
ערשט עס גייט זיי אַ בעטלער פֿארביי.
— אויך אַ מענש! — זיפֿצט אָפּ דער טרייבער
און טרייבט שנעלער דעם אייזל פֿארביי.

טראַכט זיך בודא פֿון דעם טרייבער,
ערשט עס זיצט אַ מצורע ביים וועג.
— אויך אַ מענש! — זיפֿצט אָפּ דער טרייבער
און ער פֿאָרט זיך ווי פֿריער זיין וועג.

בודא איז אַהיים געקומען,
ערשט עס שלאָפֿן זיין ווייב און זיין קינד;
איז ער באַלד אריינגעקומען
אין דער שטיל צו זיין שלאָפֿיגן קינד.

אויף זיין קינד געקוקט האָט בורא
און פארשטאַנען דעם טרייבער אצינד:
— נאָך אַ מענש, פון וועמען בורא
וועט זיך אָפּזאָגן מוזן אצינד...

בורא האָט ניט לאנג געזאמט זיך,
זיי געלאָזן אין שלאָף און אוועק;
בא זיין קינד ניט לאנג געזאמט זיך
און צעריק אין דעם מדבר אוועק.

קוק מיט שמייכלען אויף די
וועלכע גייען דיין וועג,
ווען זיי נעמען דיין מי
און דיין לעבן אַוועק.

ווען דיין פּלאַם איז נאָך גרויס
און דיין בליק איז נאָך קלאָר,
לאָז דאָ איבער דיין הויז
פאַר דעם קומענדן דור.

לייג אַנידער דיין קאָפּ
ערגעץ-וואו אויף אַ שטיין,
זאָג פון אַלעם זיך אָפּ
און פאַרדראָס, און געוויין.

דיר, סאַנטשאָ, די מלוכה,
דער כבוד און דאָס געלד —
און דאָן קיכאָט וועט זוכן
דעם יושר אויף דער וועלט.

ווען דו וועסט הערשן, גלאַנצן
ניט האַלט זיך גרויס קיינמאָל:
אַ חזיר־פּאַסטוך, פּאַנצאַ,
ביזט דו געווען אַמאָל.

נאָר האָב קיין צער ניט, חבר,
עס דאַרף זיין ווי עס איז:
און אויך די שיינע פּאַווע
האָט מיאוס׳דיקע פיס.

דיר, סאַנטשאָ, די מלוכה,
דער כבוד און דאָס געלד —
און איך וועל פאָרן זוכן
דעם אמת אויף דער וועלט.

דאָן קיכאָטס לעצטע ווערטער צו זיינע פריינט

מאַכט ניט קיין פּאַראַדן,
טרייבט ניט מער קיין שפּאַט:
איך בין איצט קיזאַדאָ,
ניט קיין דאָן קיכאָט.

צו אַ סוף אַ קלוגן
האָט מיך גאָט געבראַכט:
כ׳בין געווען משוגע
איצט האָב איך דערוואַכט.

סאַנטשאָ, מיין געטרייער,
פריינט און ליבע געסט:
זוכט ניט פייגל נייע
אין אַן אַלטן נעסט!

טריאָלעטן

א.

אהינטער ווערטער וויאנעט די נשמה
אין בלויע וויסטעניש פון לבנה-שיין;
און מאָדנע זיילן הויכן זיך און פאַלן איין...
אהינטער ווערטער וויאנעט די נשמה,
און ס׳פּלאַטערן געפילן אָן אַ נאָמען,
ווי בלינדע מיאטליקעס פון דעם וואָס קאָן ניט זיין;
אַ הינטער ווערטער וויאנעט די נשמה
אין בלויע וויסטעניש פון לבנה-שיין.

ב

זכרונות שטייען אויף — דאָס נאָענטע אין ווייטן, —
ווי דימענטן פון אונטער אַלטן דיקן שטויב.
עס צאַפּלט זיך דאָס הארץ ווי א געכאַפּטע טויב,
און נאָגט און רייסט זיך נאָך דער נאָענטקייט אין ווייטן;
און עפּעס בענקט זיך נאָך די שיינענדיקע צייטן,
ווי נאָך דעם הויך פון פראָסט-געמעלן אויף אַ שויב.
זכרונות שטייען אויף — דאָס נאָענטע אין ווייטן, —
ווי דימענטן פון אונטער אַלטן דיקן שטויב.

ג

די טרויערשאַפט, וואָס איז אַרום צעגאָסן,
איז ווי אין טאָג פון דער יצירה ריין.
ער הויכט מיט רו פון אויפגיין און פאַרגיין
אין טרויערשאַפט וואָס איז אַרום צעגאָסן;
עס ווילט זיך זיין אין זיך אַליין פאַרשלאָסן,
און צוגעוואַקסן ווערן צו אַ שטיין.
די טרויערשאַפט וואָס איז אַרום צעגאָסן,
איז ווי אין טאָג פון דער יצירה ריין.

ד

אַ רוהיגע, ווי גאָר צום ערשטן מאָל,
איז די לבנה שטיל אַרויסגעשוואומען
און אין איר קיניגרייך די ערד פאַרנומען,
אַזוי ווי דענסטמאָל גאָר צום ערשטן מאָל.
ווי אויסגעשניטן שטייען באַרג און טאָל
מיט שיינענדיגער שטילקייט דורכגענומען;
אַ רוהיגע, ווי גאָר צום ערשטן מאָל,
איז די לבנה שטיל אַרויסגעשוואומען.

ה

אַ פויגל האָט ביינאַכט אין וואַלד געשריען
און באַלד געענטפערט האָט אַ צווייטע פון דער ווייט:
ווי מאָדנע אומרואיק דער הייטער אומעט שרייט...
אַ נאַכט-פויגל האָט אין די בערג געשריען,
און ס'האָט די שטילקייט אָנגעהויבן בליען
פרום דעם סוד, וואָס האָט זיך פון דער נאַכט באַפרייט.
אַ פויגל האָט ביינאַכט אין וואַלד געשריען
און באַלד געענטפערט האָט אַ צווייטע פון דער ווייט.

ו

דער גרינלאַך-בלויער הימל פון פאַרנאַכט
האָט מיט אַ רואיקייט די ערד באַצווינגן;
פון ווערבע איבער וואַסער איינגעבויגן,
אין ענדלאָזיקן אומעט פון פאַרנאַכט,
האָט זיך אַ בלעטל אָפּגעשיידט פאַרטראַכט
און איז אין וואַסער שטיל אַראָפּגעפלויגן;
דער גרינלאַך-בלויער הימל פון פאַרנאַכט
האָט מיט אַ רואיקייט די ערד באַצווינגן.

ז

די זון גייט אויף, עס רויכערט זיך די ערד און פינקלט,
און ערגעץ זינגט אַ וואַסער צווישן שטיין;
דער אויסגערוטער טייך איז פול און ריין,
די זון איז אויפגעגאַנגען; לויכט די ערד און פינקלט!
פון אַלטן וואַלד, ווי דורך אַ שטראַלן-זיפּ, באַשפּרינקלט,
צעשמייכלט זיך אַ בלימל אַזוי שיין....
די זון גייט אויף, עס רויכערט זיך די ערד און פינקלט,
און ערגעץ זינגט אַ וואַסער צווישן שטיין.

ח

מיט נעפּל, ווי מיט פאָרהאַנגען פון בלויען רויך,
אין שטילקייט זיינען ווייט די בערג באַהאַנגען;
עס דוכט זיך, אַז די אייביקייט איז דאָרט געפאַנגען,
אַהינטער שלייערן פון נעפּלדיקן רויך;
און עפּעס ציט אַהין, צו שטאַרבן אין דער הויך
און רוען דאָרטן מיט די אָדלערס און די שלאַנגען...
מיט נעפּל, ווי מיט פאָרהאַנגען פון בלויען רויך,
אין שטילקייט זיינען ווייט די בערג באַהאַנגען.

* *
*

עס שטייט בא אונדז געשריבן :—
אז דער וואָס גורט ערשט אָן זיין שווערד — דער קאָן זיך
נים באַרימען
אזוי ווי דער וואָס קערט זיך שוין פון קריג ;
דו לאָזט זיך איצטער, קינד, אַהינטער ווייטע ימ׳ען שווימען —
און איך? איך קער זיך שוין צוריק.

גיטאָ, מיין קינד, קיין אויסוועג :
אַ צער איז אָנצעקוקן יענע מענטשן, וואָס פאַרשווענדן
ווי רענדלאַך גאָלדענע, די שיינענדיקע טעג, —
און וויי, ווי נאַריש זיינען די, וואָס גורטן אָן די לענדן
און לאָזן זיך מיט פאַרזיכטיקע טריט אין וועג...

FALL RIVER, MASS.

אויבערמענטשן

וואו זיינען זיי, די שטאָלצע ריזן,
מיט הערצער אויסגעשמידט פון שטאָל,
מיט אויגן שאַרפע, קאַלטע שפּיזן,
וואָס גיבן ניט אַ וויין קיינמאָל?

איך גלויב ניט אַז ס׳איז דאָ אַ גבור,
און אַז ס׳געפינט זיך אַזאַ העלד,
וואָס שפּרייזט דעם ים פון בלוט אַריבער
און שמייכלט אויף דעם טויטן-פעלד!

. . . .

דער עכאָ אונטער די געוועלבן
כאַפּט אויף מיט חוזק אונזער קול,
און ברענגט אים אונז צעריק דעם זעלבן
פאַרגרעסערט נאָר אַפולע מאָל.